STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02093

DODE TROTSKI

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דאָדע טראָצקי

דאָדע טראָצקי

צו דער צוואַנציקסטער יאָרצייט
נאָך זיין מאַרטירער־טויט

תל־אביב, 1965

DODE TROCKI

אַרויסגעגעבן דורך דער משפחה

נדפס בישראל
Printed in Israel
1965

דפוס „ארזי" בע"מ, ת"א, רח' אילת השחר 4, טל. 34294

דוד טראָצקי, 1945—1904

משה ערעם

אַ תיקון נשמה פאַר דוד טראַצקי

אַפילו דער נאָענטסטער מענטש פאַרלירט מיט דער צייט די שאַרפקייט פון פיינלעכן שמערץ נאָכן טויט פון זיין טייערסטן. ס׳איז אכזריותדיק־נאַטירלעך. אַנדערש, ווי וואָלט מען געקאָנט אויסהאַלטן און אָנגיין ווייטער מיטן לעבן? אָבער אָפט מאָל טרעטן מיר אַריבער די פאַרבאָטענע גרענעץ־ליניע, וואָס פירט צו פאַרגעסנהייט און דאַן הייבט אונדז אָן מאַטערן די שווערע עבירה, וואָס מאָנט איר תיקון: אַרויסהייבן דעם זכרון פון דעם, וועלכער איז שוין נישטאָ מיט אונדז, און דאָך לעבט ער אין אונדז — אין אונדזער נעכטן, אין אונדזער געמיינזאַמען לעבנס־גאַנג, לעבנס־געראַנגל. דאָס דאָזיקע בוך וועגן דוד (דאָדע) טראַצקי, וועגן זיין לעבנס־וועג און טראַגישן אומקום קומט אויסצולייזן אונדז פון אָט דעם חטא.

מיינע פערזענלעכע באַגעגענישן מיט דאָדען זענען, וואָס אַן אמת, געווען נישט מער ווי בליק־באַגעגענישן. פון דער גימנאַזיע אין ווילנע, ווען ער איז געווען אַ תלמיד און איך בין גאָר אַ קורצע צייט געווען דער לערער פון יידישער און אַלגעמיינער געשיכטע. דער לערער איז מן הסתם געווען נישט אַ סך עלטער פון די תלמידים, אַזוי אַז אַפילו ביאָלאָגיש איז נישט געווען קיין מחיצה־„דיסטאַנץ״ צווישן אונדז. מיר אַלע האָבן דאַן געאָטעמט די הייסע לופט פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע און געזוכט אונדזער יידישן סאָציאַליסטישן וועג אין איר.

ס׳איז געווען אַ דור, ווו יוגנט איז שנעל, כמעט שטורמיש געוואַקסן אין עמאָציע, אין באַוווסטזיין, אין ליידנשאַפטלעכער טריישאַפט צו אידעאַלן. און ווען דו לייענסט און באַקענסט זיך מיט דאָדעס ווייטערדיקן לעבנס־וועג, אַלס סטודענט, פּאָליטישער טוער, געזעלשאַפטלעכער עסקן, איז לייכט צו דערקענען, ווי טיף זענען געווען די וואָרצלען פון זיין ערב פרילינג־תקופה. יאָרן זענען אַוועק, איך האָב זיך געטראָפן מיט דאָדען אין בריסל און

ער האָט מיך צוריק אַוועקגעפירט צו יענע אומפאַרגעסלעכע טעג. וואָס ס׳איז מיר פאַרבליבן אין זכרון פון אָט דער צווייטער און לעצטער באַ־געגעניש, איז זיין לעבנסלוסטיקייט, שאַרפזין און אידעישער בטחון. ס׳איז אַ ביאָגראַפיע פון אַ געבענטשטן פלאַנץ, וואָס איז געוועזן אין „טראַנס״ פון בלי. אויפן 41טן יאָר פון זיין לעבן איז ער פאַרשניטן געוואָרן. די פאַשיסטישע מערדער־האַנט האָט אים פאַרפייניקט צום טויט.

אין דער גרויסער, אומצאָליקער פלעיאַדע פון אונדזערע מאַרטירער און העלדישע קעמפער איז איינגעגלידערט דער נאָמען און אָנדענק פון דוד טראָצקי, דער געטרייער זון פון דער באַוועגונג.

ביאָגראַפיע פון דאָדע טראַצקי

דאָדע טראַצקי איז געבוירן געוואָרן אין ווילנע, דעם 23סטן אָקטאָבער 1904 ביי באַלעבאַטישע עלטערן.

זיינע ערשטע לערן־טריט מאַכט ער אַדורך אין אַ מאָדערנעם חדר. פון דאָרט גייט ער איבער אין אַ האַנדלס־שול, ווו ער ווערט אָנגענומען — נישט קוקנדיק אויף דער „פּראָצענטנאַיאַ נאָרמאַ" — צוליב זיינע זעלטענע פעיקייטן. ער איז געווען דער יינגסטער און קלענסטער אין זיין קלאַס און מען האָט אים גערופן „דער קליינער טראַצקי". שפּעטער גייט ער איבער אין אַ העברעישער גימנאַזיע, ווו ער לערנט ביז בר־מצוה;

אין יאָר 1917, צום סוף פון ערשטן וועלט־קריג, פאָרט ער אַריבער צוזאַמען מיט זיין משפחה קיין קיידאַן (אַ שטעטעלע ביי קאָוונע). אין קיידאַן רייסט דאָדע איבער זיין לערנען אויף אַ יאָר צייט. דעמאָלט הייבט ער אָן צו שרייבן קינדער־לידער אין יידיש, וועלכע ווערן געדרוקט אין אַ קינדער־זשורנאַל.

נאָכן צוריקקומען פון קיידאַן קיין ווילנע טרעט ער אַריין אין 5טן קלאַס פון דער סאָפיע מאַרקאָווגאַ גורעוויטש־גימנאַזיע. די דאָזיקע גימנאַזיע האָט נישט פאַרמאָגט מער ווי 5 קלאַסן, און די לעצטע דריי יאָר פון זיין מיטעלער בילדונג פאַרענדיקט ער אין דער ערשטער יידישער רעאַל־גימנאַזיע אין ווילנע.

אין גימנאַזיע ביי סאָפיע מאַרקאָווגאַ גורעוויטש ווייזט שוין דאָדע טראַצקי אַרויס זיין סימפּאַטיע צו דער פּ"צ־באַוועגונג. צו יענער צייט האָבן זיי געהאַט אַלס לערער פון געשיכטע דעם באַקאַנטן און באַליבטן פירער פון פּ"צ — משה ערעם, וועלכער האָט מיט זיין באָראָכאָוויסטישן צוגאַנג צו פאַרשידענע יידישע פּראָבלעמען אַרויסגערופן ביי זיינע תלמידים אַ גרויסן אינטערעס צום באָראָ־כאָוויזם. דאָדע טרעט דעמאָלט אַריין אין אַ פּועלי־ציוניסטישן יוגנט־קרייז.

אין 1922, נאָכן פאַרענדיקן די גימנאַזיע, פאָרט ער קיין בראַסלאַוו, ווו ער ווערט אַ לערער אין אַ יידישער פאָלקסשול.

שלום טראַצקי, דאַדעס פּאָטער

ריוול טראַצקי (וואָלפּערט), דאַדעס מוטער

אין יאָר 1924 פאַרלאָזט ער בראַסלאַוו, פאָרט אָפּ קיין בעלגיע און טרעט אַריין אין גענטער פּאָליטעכניקום. דאָרט גרינדעט ער און פירט אָן מיט אַ פּועלי־ציוניסטישער סטודענטן־גרופּע. ער טרעט אַרויס מיט רעפעראַטן אין בריסעל, אַנטווערפּן און אַנדערע שטעט אין בעלגיע. ווערט רעזשיסער פון דראַמאַטישן קרייז אין סטודענטן־פאַראיין. ער שטעלט זיך אין פאַרבינדונג מיטן ווילנער ייוואָ און שיקט אַהין זיינע אינטערעסאַנטע אַרבעטן וועגן יידישן יישוב אין בעלגיע („די געשיכטע פון דער יידישער פּרעסע אין בעלגיע") און אַנדערע מאַטעריאַלן, וועלכע ער געפינט אויס אין פאַרשידענע אַרכיוון פון אַנטווערפּן, בריסעל און גענט.

נאָך זייענדיק אַ סטודענט, אין יאָר 1928, האָט דאָדע טראַצקי חתונה מיט פּאָלינאַ אווסטריסקאַיאַ, אַ סטודענטקע אויפן מעדיצינישן פאַקולטעט. דעם זעלבן יאָר פאַרענדיקט ער זיין שטודיום אַלס אינזשעניר־כעמיקער, אויך פּאָלינאַ פאַרענדיקט איר שטודיום און זיי באַזעצן זיך אין בריסעל. דאָדע איז אין דער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג; אַן אָנפירנדיקער חבר פון צענטראַל־קאָמיטעט פון פּועלי־ציון אין בעלגיע; זעצט פאָר זיין

אַרבעט פאַרן ווילנער ייוואָ, גרינדעט אַ ייוואָ־סעקציע אין בעלגיע און איז טעטיק אויף אַלע געביטן אינעם לעבן פון אָרטיקן יידישן יישוב.

אין די לעצטע יאָרן פאַר דער מלחמה גרינדעט ער און פרעזידירט די קולטור־קאָמיסיעביים ראַט פון די יידישע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע פירט אַ זייער פאַרצווייגטע טעטיקייט. אויף זיין איניציאַטיוו גרינדעט די קאָמיסיע אַ פאָלקס־אוניווערסיטעט, וווּ ס'ווערן געגעבן לעקציעס אויף פאַרשידענע געביטן. דאָדע טראַצקי איז פרעלעגענט פון יידישער געשיכטע.

אין מאַי 1940, בעת דעם היטלעריסטישן איבערפאַל אויף בעלגיע, אַנטלויפט כמעט דער גאַנצער יידישער יישוב פון בעלגיע קיין פראַנקרייך. אויך דאָדע טראַצקי גייט מיט מיטן שטראָם.

ער ווערט פאַרוואָרפן צוזאַמען מיט טויזנטער יידן פון בריסעל קיין דרום־פראַנקרייך, אין דעם שטעטעלע רעוועל, ביי טולוז. אויך דאָרט רוט ער נישט. ער ווערט מיטגליד פון דער פאַרזאָרגונגס־קאָמיסיע פאַר די פליטים, באַמיט זיך, אַז יעדערער פון זיי זאָל האָבן אַ שטיקל דירה, אַ מיטאָג, איז שטענדיק גרייט צו העלפן מיט אַן עצה און צו אינטערווענירן ביי דער אָרטיקער מאַכט פאַר יעדן איינעם.

אין אָקטאָבער 1940 קומט דאָדע צוריק קיין בעלגיע. צו יענער צייט האָט דער דייטשער אָקופּאַנט טאָלערירט די עקזיסטענץ פון אַ יידישער געמיינדע, אַלס אַ רעליגיעזע קערפּערשאַפט פאַר יידן. אָבער אונטערן דעק־מאַנטל פון דער כלומרשט לעגאַלער אינסטיטוציע ווערט געפירט אַן אינטענסיווע קולטורעלע און געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט פאַרן יישוב. דאָדע געפינט זיך אין שפּיץ פון דער קולטור־אַרבעט: אין די יידישע צוגאָב־שולן, ביבליאָטעק, עונג־שבת פאַר יוגנט אאַז"וו.

סוף 1942, בעת עס הייבן זיך אָן רדיפות אויף יידן און די יידיש־געזעלשאַפטלעכע אַרבעט ווערט ליקווידירט צוליב די נאַצי־פאַרפאָלגונגען, איז ד. טראַצקי רעדאַקטאָר פון אונטערערדישן „לע פלאַמבאָ", אַ פראַנצויזישע חודשלעכע אויסגאַבע, אונטער דער אַפּוטרופּסות פון דער ס. ד. זש. (קאָמיטעט פאַר יידישער פאַרטיידיקונג). דאָדע באַטייליקט זיך אין דער דאָזיקער צייטונג מיט אַ ריי זייער געלונגענע און אינטערעסאַנטע אַרטיקלען. ער שטעלט צו דער דיספּאָזיציע פון אומלעגאַלן קאָמיטעט זיין דירה. ביי אים קומען פאַר זיצונגען פון דער ס. ד. זש., פון פאַרטיי־קאָמיטעט, פון קאָמיטעט פאַר „קעגנזייטיקער הילף". גלייכצייטיק דינט זיין דירה אַלס באַ־

העלטעניש פאַר אומלעגאַלער ליטעראַטור און פאַלשע פּאַפּירן. ביי אים ווערן געשריבן און אָפּגעצויגן אויפן „ראנעא" די צייטונגען „אונזער וואָרט" און „לע פלאמבאָ".

ביזן אָנהייב 1944 איז זיין דירה געווען די צענטראַלע פון אונטערערדישער אַרבעט.

אין דער נאַכט פון 3טן אויפן 4טן פעברואַר 1944 האָבן די געסטאַפּאָ־לייט זיך אַריינגעריסן ביי אים אין הויז, דורכגעפירט אַ שטרענגע רעוויזיע און געפונען פאַרשידענע אומלעגאַלע מאַטעריאַלן און דאָקומענטן, אים מערדערלעך צעשלאָגן און אָפּגעפירט אים און זיין פרוי אין טרויעריק־באַרימטן געסטאַפּאָ־קעלער אויף אַוועני לואיז. דאָרט ווערט ער שטאַרק געפּייניקט, אָבער די געסטאַפּאָ־לייט קריגן נישט אַרויס פון אים קיין איין וואָרט וועגן זיינע חברים און מיטאַרבעטער.

נאָך דער אויספאָרשונג ווערט ער אָפּגעשיקט אין לאַגער פון מאַלין און פאַרמאַכט אין אַן איינצל־קאַמער, אונטער אַ ספּעציעלער אויפזיכט. נאָך לאַנגע פאַרשונגען און מערדערלעכע פּייניקונגען ווערט ער איבערגעפירט פון איינצל־קאַמער אין אַלגעמיינעם לאַגער, וואָס איז שוין, אייגנטלעך, אַ דערלייזונג פאַר אים.

אין די פּיין־באַדינגונגען פון מאַלין ווייזט ער אַרויס מוט און מונטערט דערמיט די אַנדערע אינטערנירטע יידן.

מיט דער הילף פון פּאַלעסטינער אויסטויש־סערטיפיקאַט געלינגט דער אָרגאַניזאַציע צו פאַרהיטן אים פון דעפּאָרטאַציע און ענדלעך, דעם 9טן יוני, ווערט ער באַפרייט.

ווי נאָר ער קומט צוריק קיין בריסעל שטייט ער גלייך צו צו דער אומלעגאַלער אַרבעט און ווערט דעם 21סטן יולי, הגם שוין אַ „געדעקטער" דורך די פּאַלעסטינער פּאַפּירן, ווידער אַרעסטירט צוליב זיינע פּאָליטישע „חטאים".

דעם 31סטן יולי 1944 ווערט ער דעפּאָרטירט. אין זיין קאַרטל, וואָס ער האָט אַרויסגעוואָרפן פון דעפּאָרטאַציע־צוג, שרייבט ער: „איך פאַר מוטיק, מיט אַ הויך־געהויבענעם קאָפּ".

און דאָ הייבט זיך ערשט אָן דער מאַרטירער־וועג פון דאָדע טראַצקי. צו גלייך מיט צענדליקער טויזנטער יידישע דעפּאָרטירטע פון בעלגיע מאַכט ער אַדורך די גיהנומס פון אוישוויץ, מאַוטהאַוזען און עבענזע.

אַן אויסגעמאַטערטער פון הונגער, קלעפּ און שווערער אַרבעט, שוין אַ פאַראורטיילטער, ראַנגלט זיך נאָך דאָדע פאַר זיין לעבן...

אין דער נאַכט פון 20סטן אויפן 21סטן מערץ 1945, אין לאַגער עבענזע, ווייט פון זיין משפּחה, פריינד און חברים, איז דאָדע, אַ דערשעפּטער, אויס־געגאַנגען...

כבוד זיין אָנדענק.

פּאָלינאַ

אונדזער לעצטער וועג

31סטער יולי 1944.

פון מאַלין גייט אָפּ דער לעצטער טראַנספּאָרט.

מען פירט אונדז קיין אוישוויץ.

מיר געזעגענען זיך מיט פריינד און „פּאַרזיכערן" זיי, אַז מיר פאָרן אַלס מיליטער־קאָרעספּאָנדענטן... און האָפן צו קומען צוריק און דערציילן פון יענער וועלט...

(מען האָט נאָך כוח צו וויצלען זיך.)

פיר טעג אין אַ וואַגאָן פּאַר בהמות, צוזאַמען מיט בעלגישע יידן, לרוב עלטערע מענטשן, — אונדזער וועג צום טויטן־לאַגער. מיר ווייסן, וואָס עס דערוואַרט אונדז. פון די באַריכטן, באַקומענע פון דער שווייץ, איז אונדז באַקאַנט דער גורל פון די פריערדיקע טראַנספּאָרטן.

מיר מונטערן איינער דעם אַנדערן, נאָר נישט אַריינפאַלן אין יאוש, צונויפנעמען אַלע כוחות, אויסצוהאַלטן.

דער צווייטער פּראַנט איז געעפנט, דער זיג איבערן נאַציזם דער־נענטערט זיך — נאָר אויסהאַלטן, אויסהאַלטן!

אין אוישוויץ קומען מיר אָן דעם 2טן אויגוסט 1944. מען צעשיידט אונדז: פרויען רעכטס, מענער — לינקס, דאָרט אין אוישוויץ, איך אין בירקענאַו.

שפּעטער דערוויסן מיר זיך, אַז בריסעל איז באַפרייט געוואָרן דעם 3טן סעפּטעמבער 1944 — אַ חודש נאָך אונדזער אָנקומען אין לאַגער.

דורך אַ געלעגנהייט באַקום איך אַ צעטעלע פון דאָדען: ער האָפט, אַז מיר וועלן נאָך פייערן זיין געבורטסטאָג (דעם 23סטן אָקטאָבער) אין דער שטאָט פון מענעקען־פּיס (דאָס הייסט: אין בריסעל). איך באַווייז נאָך עטלעכע מאָל צו באַקומען פון דאָדען צעטעלעך, גרוסן...

דעם 20סטן דעצעמבער פאַרלאָז איך בירקענאַו, אַלס דאָקטאָר, מיט אַ טראַנספּאָרט קינדער.

אין אַפּריל דערגייען צו אונדז די שוידערלעכע קלאַנגען וועגן טויטן־מאַרש — די עוואַקואַציע פון אוישוויץ, דעם 18טן יאַנואַר 1945. איך בין פול מיט זאָרג און אומרו. וואָס איז מיט דאָדען? וועלן מיר נאָך ווידער זיין צוזאַמען?

ביז דער צעשיידונג, געדענק איך, איז נאָך ביי אונדז געווען אַ פונק פון האָפענונג, אַפילו בעת דעם 4־טאָגיקן פיינוועג פון מאלין צום טויטן־לאַגער...

דאָס איז געווען אונדזער לעצטער בשותפותדיקער וועג.

שפרה ווערבער

די קינדער־יאָרן פון מיין ברודער

ווען איך דערמאָן זיך אין מיין ברודער, לעבן אויף אין מיין זכרון בילדער פון אונדזער שטוב — אונדזער קינדהיים און שפעטערדיקע רייפע יאָרן; פאַר מיינע אויגן טויכט אויף דאָדעס געשטאַלט — זיין ברוינלעך אָוואַל פּנים, זיין הויכער שטערן און דער גוטמוטיקער שמייכל אויף זיינע ליפּן.

נאָך איצט פיל איך די האַרציקייט און וואַרעמקייט, וואָס האָט געשטראָמט מיט אַזוי פיל שפע פון זיין גאַנץ וועזן.

און די טיפע ווונד, וואָס די צייט האָט אַרומגענומען מיט אַ האַרטער הויט — הייבט ווידער אָן צו גליִען מיט שאַרפן ווייטיק אויף דעם יונג־פאַרשניטענעם לעבן.

פון זיינע פריסטע יאָרן אָן האָט דאָדע געהאַט די נטיה צו וועלן דערגיין און זיך דערגרונטעווען צום סוד און יסוד פון זאַכן; זיין שאַרפער, דורכדרינגלעכער בליק האָט תמיד געזוכט און געפאָרשט.

די פראַגע: „פאַר וואָס" איז זעלטן אַראָפּ פון זיינע ליפּן.

איך געדענק, ווי ער האָט אויפגעשטעלט ביי אונדז אין שטוב אַ לאַבאָראַטאָריע (ער איז דעמאָלט אַלט געווען אַ יאָר 14) און מיט פּרימיטיווע מיטלען אַרויסבאַקומען כלערליי פאַרבינדונגען — טרינק־סאָדע, אַמאָניאַק א"אַ; אַ פּאָליצע מיט פאַרשידענע פלעשלעך און סלאָיקלעך, אויף זיי עטיקעטן מיט כעמישע פאָרמולעס.

און פלעגט ווען ביים עסן אויספּעלן זאַלץ, פלעגט ער בעטן אַ ביסל „נאַ־טריום כלאָריקום" און מיר אַלע האָבן שוין געוווסט, וואָס ער וויל...

תמיד איז ער געווען פאַרנומען מיט זיינע עקספּערימענטן אויף זשוקעס, פלאַטערלעך און אַנדערע אינזעקטן: עוסק געווען אין קאָלעקציע פון גע־וויקסן, מיט התמדה פלעגט ער זיי זאַמלען — די פאַרשידענע בלומען און בלע־טער — זיי סאָרטירן, נומערירן און צוגעבן באַמערקונגען וועגן יעדן מין געוויקס.

מיט דער צייט איז אויך געוואַקסן זיין אינטערעס צו ליטעראַטור, טעאַטער, מוזיק, שפּראַכן.

ער איז דעמאָלט געווען אַ ייִנגל פון אַ יאָר 11, צו 12, ווען ער האָט זיך איינגעשאַפּט אין שטוב אַ קינדער־ביבליאָטעק; די ביכער (ס'רוב אין דער רוסישער שפּראַך), אויסגעשטעלט אויף אַ פּאָליצע, געהעריק אויסגעסדרט, נומערירט, און די לעזער, זיינע יונגע חברים, פלעגן עטלעכע מאָל אין וואָך קומען טוישן ביכער.

אין עטלעכע יאָר שפּעטער הייבט ער אָן צו שרייבן לידער: „משה רבנו", „חנה מיט די זיבן זין", „אַ רעגנדל" א"אַ. אייניקע לידער זענען פאַרעפנטלעכט געוואָרן.

נאָך אַלס קינד האָט דאָדע זייער ליב געהאַט זיך צו פאַרשטעלן און אויך אויפכאַפּן און נאָכמאַכן פאַרשידענע קאָמישע באַוועגונגען און רייד פון באַקאַנטע איינגייערס אין אונדזער שטוב. און נישט איין מאָל האָבן די עלטערן געמוזט אויפגעבן זייערע פאַרוואָרפן און האַרציק מיטלאַכן.

די מאַמע פלעגט דערציילן מיט התפעלות, אַז צו 5 יאָר האָט שוין דאָדע געבענטשט חנוכה־ליכטלעך אין איינעם פון די גרעסטע זאַלן פון ווילנע, און ביים פאַרשטעלן אים פאַרן גרויסן עולם האָט דער רבי געבעטן „נישט צו געבן קיין עין־הרע דעם וווּנדער־קינד".

נאָך איצט זע איך דאָס גרויסע צימער פון אונדזער שטוב, פונאַנדערגעטיילט מיט אַ פאָרהאַנג: איין העלפט אַ „זאַל", די צווייטע — אַ „בינע". דאָס האָט דאָדע איינגעאָרדנט אַ פאָרשטעלונג פאַר קינדער. די הכנסה איז געגאַנגען לטובת 2 אָרעמע יתומים, וועלכע האָבן פאַרלאָרן זייערע עלטערן באַלד אין אָנהייב פון דער ערשטער וועלט־מלחמה.

פון דער צווייטער פאָרשטעלונג — ביי אונדז אין שטוב — געדענק איך שוין אַפילו דעם פּראָגראַם, וועלכן דאָדע האָט צוגעגרייט, „רעזשיסירט" און אויך אין אים אָנטייל גענומען: אַן אינסצעניזאַציע פון אַברהם רייזענס „דאָס העמערל". אַ רעציטאַציע, „דאָס שניידערל", אַ כאָר־רעציטאַציע, „די מוטער רחלס קבר" (די סצענע באַלויכטן און אַפילו אַ ספּעציעלע דעקאָראַציע, וואָס שטעלט פאָר דעם קבר) א"אַ. איך אַליין בין אויך געווען איינע פון אַנסאַמבל".

אויך אין גימנאַזיע פלעגט ער אָנטייל נעמען אין די קינדער־פאָרשטעלונגען — „חנוכה געלט", „טוביה דער מילכיקער" א"אַ.

יידישע פאלקס-שול בראסלאוו

1924 ערשטער היום 1924

דאָדע טראָצקי (ערשטע עורה פון אויבן, דריטער לינקס)
אַלס לערער אין דער בראַסלאַווער יידישער פאָלקסשול.

נאָך אַלס ייִנגל פלעגט ער אָפט באַזוכן טעאַטער. ער איז געווען פון די ערשטע, וואָס איז געלאָפן אויף די פאָרשטעלונגען פון די פאַרשיידענע טרופּעס.

איך געדענק ווי איין מאָל האָט אים אויסגעפעלט געלט אויף אַ בילעט צו אַ פאָרשטעלונג, זיין גאַנץ טאַשן-געלט האָט ער שוין געהאַט אויסגעגעבן אויף אַנדערע פאָרשטעלונגען, האָט ער געבעטן ביים טאַטן געלט און באַקומען אַ מטבע, וואָס איז נישט געווען גענוג אויף אַ בילעט. ער האָט דאַן מיט הומאָר אַ זאָג געטאָן: „פּאַפּאַ, דו ביסט דאָך אַ דעמאָקראַט, שטימסט דאָך פאַרן צעטל נומער 20, פרעג איך דיך, קען מען גיין פאַר דעם געלט אין טעאַטער״? דער זאַטע האָט מיט אַ שמייכל אים צוגעגעבן די נייטיקע סומע.

זיין ליבשאַפט צו טעאַטער איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז ער איז געווען גרייט אַוועקצוגעבן זיין עסן, אַבי צו זען אַ פאָרשטעלונג.

עטלעכע מאָל אין וואָך פלעגט אונדז די מאַמע אַרויסשיקן, אין די נאָכ־מיטאָג־שעהען, אויף אַ שפּאַציר אין טיעלאַטניק אָדער בערנאַרדינער גאָרטן, און דערביי אונדז מיטגעבן אויפן וועג עטלעכע סענדוויטשן פון גוטן ברויט, וואָס זי האָט פאַר אונדז — קינדער — ספּעציעל געבאַקן פון ווייסן מעל (פאַר יענער צייט, בעת דער דייטשער אָקופּאַציע אין דער ערשטער וועלט־מלחמה, איז דאָס געווען אַ לוקסוס). אָט די סענדוויטשן האָט דאָדע דעמאָלט פאַרגעלייגט דעם קאָנטראָלער פון אַ דייטשן אָפּערעטן־טעאַטער אַלס איינטריטס־געלט, און מיר האָבן געזען די פאָרשטעלונגען.

דאָדע האָט אויך ליב געהאַט מוזיק. זיין גוטער געהער האָט שנעל אויפ־געכאַפּט ניגונים און ער פלעגט זיי אויסזינגען מיט אַלע פּיטשעווקעס. אויך שפּראַכן האָט ער גיך דערוואָרבן.

צו 16 יאָר, בערך, האָט ער שוין געקענט רעדן פריי רוסיש, פּויליש, דייטש, ליטוויש און העברעיש (שפּעטער, אין בעלגיע — אויך פראַנצויזיש און פלעמיש).

ווי אַ צוגעלאָזטער מענטש האָט ער ליב געהאַט קינדער און פאָלקס־טיפּן — זייער עכטקייט און פשטות. דערפאַר האָט ער אויך ליב געהאַט די זאַפטיקייט פון יעדער פאָלקס־שפּראַך, אַ פשיטא — די יידישע.

נאָך ייִנגלוויז, אין ווילנע, פלעגט ער הנאה האָבן צו שמועסן אויף ליטוויש פאָלקס־לשון מיט דער „באַבוניע״, דעם סטרוזשס ליטווישע מוטער. אין בעלגיע האָט ער ליב געהאַט זיך אונטערצוהאַלטן מיט די פאָלקס־טיפּן, „זשעפּקעס״, ווי מען רופט זיי אין פלעמיש. אויך ביי קינדער האָט ער געפונען אַ באַזונדערן חן אין זייער פאַרגרייזט רעדן.

איך געדענק, ווי אין איינעם פון די שבתים, ווען ער איז אַהיימגעקומען פון בראַסלאַוו (וווּ ער איז געווען לערער אין אַ יידישער פאָלקסשול), האָט ער מיט אַ ספּעציעלער הנאה נאָכגעמאַכט דאָס פעלערהאַפטע רעדן פון אַ מייד־דעלע, זיינס אַ שילערין, וואָס האָט געשפּילט די ראָל פון שניי־מיידעלע (אַ פאָר־שטעלונג, וואָס דאָדע האָט רעזשיסירט פאַר די שילער). ער האָט אָנגעקוואָלן ביים נאָכזינגען אויף איר שטייגער:

„איך האָב געזען דער באָבעס טרערן
איך האָב געהערט א י י ע ר ע געוויין...

ער האָט דערביי באַטאָנט א י י ע ר ע און האַרציק געלאַכט.

דאָדע האָט געהאַט אַ גוט האַרץ — און די מידה האָט זיך שוין געמערקט ביי אים פון קינדערייז אָן. ווען ער פלעגט באַקומען שאָקאָלאַד אָדער אַנדערע זיסוואַרגן, פלעגט ער זיך טיילן מיט אַ חבר, אַוועקגעבן אַ העלפט. הגם, ווי יעדעס קינד, האָט ער אויך ליב געהאַט נאַשוואַרג.

ער איז געווען אַ זייער עקסטרעמע נאַטור; האָט ער עפּעס וואָס ליב

דאָדע מיט זיין מוטער —
ערב דער 2־טער וועלט־מלחמה

געהאַט — איז מיט ליב און לעבן, נישט — איז אומפּשרהדיק פיינט. אין גימנאַזיע האָט ער נישט געוואָלט לערנען די פּוילישע שפּראַך, — ווייל ער האָט פיינט געהאַט די פּאָליאַקן צוליב זייער אַנטיסעמיטיזם. ס'האָט גאָרנישט געהאָלפן — נישט די דראָונגען פון מאַקס עריק (לערער פון פּויליש), נישט די טרערן פון דער מאַמען, וועלכע פלעגט אָפט אַרויסגערופן ווערן צום לערער.

ער איז געווען אַ פעיִקער שילער און געהאַט אַ פענאָמענאַלן זכרון, וואָס האָט אים שטענדיק אָפּגעראַטעוועט פון שטראָף פאַר אָפט מאָל נישט צו־

גרייטן לעקציעס. גענוג געווען פאַר אים צו הערן ווי איך לערן אַ ליד, און ער האָט שוין געקענט אויף אויסנווייניק פריער פון מיר.

אַ גרויסן אינטערעס האָט ער אַרויסגעוויזן צו סאָציאָלאָגיע. צו 16 יאָר לייענט ער שוין מאַרקס „קאַפּיטאַל״ און אַנדערע ווערק.

אין בעלגישן יישוב האָט מען אים געקענט ווי אַן ערנסטן און פעיקן כעמיקער, איבערגעגעבענעם פאַרשער און אַרכיוו־זאַמלער פאַרן ייוואָ, גרינ־דער און רעזשיסער פון דראַמקרייזן, רעפערענט אויף ליטעראַרישע און וויסנ־שאַפטלעכע טעמעס און ווי אַן אַקטיוון געזעלשאַפטלעכן און קולטור־טוער.

צו פערציק יאָר איז זיין שפרודלדיק לעבן געוואָרן פאַרשניטן.

איז עס נישט נאָר דאָס געוויין פון זיין משפחה, נאָר דער וויטיק פון אַלע, וועמען ער איז געווען אַזוי ליב און טייער.

יהודה טיבערג

דאָדע טראָצקי

דאָס איז געווען אָנהייב אָדער אין מיטן פון די צוואַנציקער יאָרן — איך בין נאָך דאַן געווען אַ זייער יונגער מענטש, ווען עס זענען געמאַכט געוואָרן די ערשטע שריט אויפצושטעלן אַ קולטור־צענטער, כאָטש אַ באַשיידענעם, פאַר די הונדערטער און טויזנטער יידישע יונגע־לייט, וואָס האָבן דאַן אומאויפהערלעך געשטראָמט פון פוילן און ליטע קיין מערב־אייראָפּע. בעלגיע האָט געדינט ווי אַן איבערגאַנגס־לאַנד אויפן וועג קיין פראַנקרייך, ענגלאַנד, אַמעריקע. די בעלגישע אוניווערסיטעטן און טעכניקומס האָבן צוגעצויגן גרויסע טיילן פון דער מזרח־אייראָפּעיִשער יידישער יוגנט, צוליב די צוגענגלעכע באַדינגונגען פון לערנען און אויסהאַלטן זיך. האָבן פון דעם עמיגראַנטן־שטראָם טויזנטער זיך אָפּגעשטעלט אין אָט דעם קליינעם, אָבער אַנטוויקלטן לענדעלע, און אין לויף פון געציילטע יאָרן איז בעלגיע אויסגעוואַקסן צו אַ באַדייטנדיקן קולטור־געזעלשאַפטלעכן פונקט אויף דער יידישער וועלט־מאַפּע.

טאַקע דעמאָלט האָט זיך אָנגעהויבן די פאַרבינדונג פון דאָדע טראָצקי מיט דעם בעלגישן יישוב. אַ פאַרבינדונג, וואָס האָט אָנגעהאַלטן ביזן לעצטן אָטעם־צוג פון אָט דעם ווונדערלעכן ייִדיש־ליטווישן קולטור־מענטש. אַפילו אין יענער צייט, אין דעם בלי־פּעריאָד פון דער מאָדערנער יידישער קולטור אין פוילן און ליטע, איז עס געווען אַ זעלטנהייט, אַז שטודירנדיקע יונגע־לייט זאָלן זיך פילן אַזוי שטאַרק פאַרבונדן מיט זייער יידישן שורש, אַז זיי זאָלן ווידמען זייער לעבן די נאַציאָנאַלע אינטערעסן פון יידישן פאָלק. די יידישע אינטעליגענטן פון די מזרח־אייראָפּעיִשע לענדער האָבן, בדרך כלל, פאַרלאָזט די יידישע סביבה און אַוועק אין די מערב־אייראָפּעישע לענדער, וואָס האָבן געווונקען צו זיי מיט די לאָקנדיקע פייערלעך פון אַסימילאַציע און „אַלמענטשלעכע״ אידעאַלן און צילן. די קאָמוניסטישע באַוועגונגען אין די

מערב־לענדער האָבן געשוויבלט מיט יידישע סטודענטן און סטודענטקעס פון פוילן, רומעניע, אונגאַרן און ליטע. אין בעלגיע האָבן אָט די אינטעליגענטן דאָן געפונען אַ פּרוכטבאַרן באָדן פאַר זייערע אידעען, ווייל עס האָט זיך דאָרט געשאַפן אַ גרויסער יידישער אַרבעטער־צענטער, פון טויזנטער אַר־בעטער פון די קוילן־מינעס פון שאַרלרואַ און מאָנס און פון די אייזן־גיסע־רייען פון ליעזש. דאָדע האָט זיך באַלד פון אָנהייב קעגנגעשטעלט דער אַסי־מילאַציע־מגיפה, וואָס האָט אַרומגעכאַפּט די יידישע יוגנט און זיך געווידמעט דער נאַציאָנאַלער אויפלעבונג פון יידישן יישוב.

ער איז געווען זייער יונג ווען ער איז אָנגעקומען אויפן פּאָליטעכניקום אין דער בעלגישער בלומען־שטאָט גענט, כדי אָנצוהייבן זיין שטודיום אויפן כעמישן פאַקולטעט. אין די ערשטע טעג פון זיין אָנקום אין בעלגיע, קוים באַוויזן זיך אָפּצופּטרן מיט דער רעגיסטראַציע, איז ער שוין געווען אין בריסעל, ווייל ער האָט געהערט, אַז דאָרט איז געשאַפן געוואָרן אַ יידישער קולטור־פאַראיין און ער האָט זיך געוואָלט מיט אים פאַרבינדן.

איך האָב אים דאָן טאַקע געטראָפן אינעם דערמאָנטן קולטור־פאַראיין. ער האָט מיר דערקלערט אַזוי פּשוט־נאַיוו: „איך בין פון ווילנע, איך האָב געענדיקט די יידישע גימנאַזיע דאָרטן, איך ווייס נישט, מיט וואָס איך קען דינען, אָבער איך שטעל זיך אין גאַנצן אין רשות פון דער באַוועגונג — נוצט מיך אויס, אויב איר האַלט, אַז איך קען ברענגען נוצן".

אַזאַ איז ער געבליבן זיין גאַנצן לעבן — אַ יידישער אינטעליגענט, וואָס האָט ליב יידישקייט עד כלות הנפש. צום ערשטן מאָל אין דער טויזנט־יעריקער געשיכטע פון דער קליינבירגערלעכער בעלגישער שטאָט גענט האָט דאָרטן אָפּגעהילכט דאָס יידישע וואָרט, ווען דאָדע טראַצקי האָט אויפגעשטעלט די יידישע אַמאַטאָרן־טרופּע, וואָס האָט אויפגעפירט אַ פאָרשטעלונג, אין וועלכער ער און זיין יונגע פרוי פּאַלינאַ און זיין יינגערע שוועסטער שפרה האָבן אויך אָנטייל גענומען.

דאָדע איז ממש געווען פאַרליבט אין יידישן טעאַטער. ער איז געווען באַהאַוונט אין דער געשיכטע פון יידישן טעאַטער פון די עלטסטע צייטן אָן. ער האָט געקענט ציטירן און דעקלאַמירן אויף אויסנווייניק אומצאָליקע דיכ־טערישע שאַפונגען פון יידישע פּאָעטן, אָבער באַזונדערס פאַרליבט איז ער געווען אין משה קולבאַק. זיינע לידער האָט ער געקענט אין גאַנצן אויף אויסנווייניק און אים ציטירט ביי יעדער געלעגנהייט. קולבאַק איז געווען

לערער אין דער ווילנער גימנאַזיע און דאָדע האָט אין דעם דיכטער קולבאַק געזען אויך דעם פּעדאַגאָג, דעם אידעאַלן מענטש און חבר. דאָדע האָט געהאַט וועגן אים צו דערציילן אַ סך מעשׂות און עפּיזאָדן. ווען עס האָבן זיך אָנגע־הויבן פאַרשפּרייטן קלאַנגען וועגן קולבאַקס אומקום, האָט ער עס זייער שווער איבערגעלעבט.

די ווילנער יידישע גימנאַזיע האָט אַרויסגעלייגט איר חותם אויף דאָדע טראַצקיס לעבן, דערצויגן אים אין ליבשאַפט צום יידישן פאָלק, צו זיין ליטעראַטור און געשיכטע. דערפאַר האָט ער זיך אַזוי ליידנשאַפטלעך צוגע־בונדן צו דעם „ייווא״, גלייך פון ערשטן טאָג פון זיין אַנטשטיין. איך קען נישט נאָך אַ מענטשן, וואָס האָט אַזוי ליידנשאַפטלעך זיך אָפּגעגעבן מיט זאַמלען מאַטעריאַלן פאַר היסטאָרישע צוועקן, ווי דאָס האָט געטאָן ד. טראַצקי.

דאָדע (שטייט רעכטס), זיין פרוי פּאָלינאַ (ערשטע ריי, צווייטע פון רעכטס)
און שפרה, זיין שוועסטער (ערשטע פון לינקס)

דער ווילנער, וואָס איז געוואָרן יידישער קולטור־אַמבאַסאַדאָר אין די לענדער פון מערב־אייראָפּע. דאָרט איז אויך געווען טעטיק פּאָליטיש. לאַנגע יאָרן געווען אַ מיטגליד אין צענטראַל־קאָמיטעט פון לינקע פּועלי־ציון אין בעלגיע. אָבער זיין האַרץ האָט ער אַוועקגעשאָנקען דער קולטור־אַרבעט: דעם יידישן טעאַטער, דעם יידישן בוך, דער יידישער שול.

מיט דאָרטן האָט מען זיך גערעכנט אין אַלע יידישע געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס, אים אָפּגעגעבן כבוד, ווייל מען האָט אין אים געזען אַ בויער פון יידישן קולטור־לעבן.

מיך האָט פאַרבונדן מיט דאָרטן אַ טיפע פריינדשאַפט, וואָס האָט זיך איבערגעטראָגן אויף אונדזערעביידנס משפחות און וואָס האָט אָנגעהאַלטן דעם גאַנצן פּעריאָד צווישן די צוויי וועלט־מלחמות, ביז דער גורל האָט אונדז צעשיידט: מיך קיין אַמעריקע, צו אַקטיוויטעט אין געזעלשאַפטלעכן לעבן, אים — צו אונטערגרונט־אַרבעט אונטער נאַצישער אָקופּאַציע און צו מאַרטירער־טויט.

זיין געשטאַלט שטייט מיר שטענדיק פאַר די אויגן, אַזוי פריש, אַזוי פול מיט חן און אינערלעכער גוטסקייט, שטענדיק פריינדלעך, מיט סבר פנים יפות, שטענדיק פול מיט שעפערישע פּלענער און גרייט צו באַשיצן אַ חבר אין אַן עת־צרה. דאָרט האָט געהאַלטן יעדן מענטשן בחזקת אָרענטלעכקייט, געגלייבט אין מענטש. דאָס זענען געווען זיינע מידות. ווילנע של מעלה האָט זיך באַזעצט אין דאָרטס נשמה אויף אייביק...

דאָדע טראָצקי (צווייטע שורה, ערשטער רעכטס) מיט סטודענטן און פּראָפעסאָרן פון גענטער פּאָליטעכניקום, כעמישער פאַקולטעט, 1928

אַבוש ווערבער

צו דאָדעס צוואַנציקסטער יאָרצייט

די הנחה, אַז די פּראָפעסיאָנעלע אינטעליגענץ באַדינט דעם הערשנדיקן קלאַס אין דער געזעלשאַפט איז אַמבולטסטן געקומען צום אויסדרוק ביי די יידישע אַרבעטער־פּאַרטייען בכלל און גאַנץ באַזונדערס אין די לענדער פון מזרח־אייראָפּע פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה.

אַפילו די יידישע פּראָפעסיאָנעלע אינטעליגענץ, וואָס איז אַרויסגעוואַקסן פון די אָרעמסטע פאָלקס־שיכטן, האָט, ווענדיק זיך פאַרזיכערן אַ קאַריערע און אַריינדרינגען אין דער „בעסערער" און „פאָרנעמער" געזעלשאַפט, זיך דער־ווייטערט פון איר אָפּשטאַם.

צוליב אויסזיכטלאָזיקייט אויף פּאָליטישער מאַכט האָבן די יידישע אַר־בעטער־פּאַרטייען גאָרנישט געקענט געבן דער יידישער אינטעליגענץ און איר אַפילו גאָרנישט צוזאָגן.

איז דעריבער יעדער יידישער מענטש מיט אוניווערסיטעט־בילדונג, וואָס איז צוגעשטאַנען צו דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג, באַטראַכט געוואָרן ווי אַ ניצחון און איז אויפגענומען געוואָרן מיט גרויס פרייד און אָפענע אָרעמס.

אינזשעניר דאָדע טראָצקי, וואָס האָט געשטאַמט פון ווילנע, די שטאָט פון פאָלקיזם, בונדיזם און יידישיזם פאַר עקסעלענץ, האָט נאָך אין זיין געבוירנק־אָרט זיך פאַרבונדן מיט דער דאָרטיקער גרופּע פּועלי־ציון, אָבער אויסגע־וואַקסן צו אַ וויכטיקן פּאָליטישן און קולטור־טוער איז ער ערשט אין בעלגיע.

נאָך אַלס סטודענט פון גענטער אוניווערסיטעט איז ער שוין געווען באַקאַנט און באַליבט נישט נאָר אין די קרייזן פון דער שטודירנדיקער יוגנט, נאָר אויך צווישן יידישע אַרבעטער און פאָלקס־מענטשן אין בריסעל, אַנטווערפּן, ליעזש און שאַרלעראָא, ווו ער פלעגט אַרויסטרעטן מיט רעפעראַטן אויף געזעל־שאַפטלעכע און ליטעראַרישע טעמעס.

אַ גאָר בכבודיקן אָרט אין דעם יידישן לעבן אין בעלגיע האָט דאָדע טראָצקי פאַרנומען נאָך דעם ווי ער האָט באַקומען זיין אינזשעניר־דיפּלאָם און

געוואָרן אַ וויכטיקער כעמיקער אין איינער פון די גרעסטע פאַבריקן אין אַ בריסעלער פאָרשטאָט.

צווישן זיינע פאַך־קאָלעגן — דער רוב נישט־יידן — איז שנעל געוואַקסן זיין פּרעסטיזש אַלס גרויסער ספּעציאַליסט אויף זיין געביט און אין די יידישע געזעלשאַפטלעכע קרייזן פון אַלע פּאַרטייען איז געשטיגן זיין אָנזען ווי אַן ערשט־ראַנגיקער טוער מיט אַ סך אַלגעמיינעם און יידישן וויסן. זיינע לעקציעס, צי אויף אַ וויסנשאַפטלעכער, צי געזעלשאַפטלעך־פּאָליטישער טעמע, האָבן זיך תמיד אויסגעצייכנט מיט שפע פון ידיעות און בקיאות.

✶

די עקאָנאָמישע אויסגעוואָרצלטקייט און דער הונגער ביי יידן אין מזרח־אייראָפּע, דער באָיקאָט, נאַציאָנאַלע פאַרפאָלגונג און אונטערדריקונגס־פּאָליטיק לגבי דער יידישער מינדערהייט מצד די רעזשימען אין דעם פּאַר מלחמהדיקן פּוילן, רומעניע און ליטע, האָבן אויפגעהויבן פון זייערע ערטער יידן פון אַלע שיכטן, פון יעדער עלטער, גאַנצע משפחות, און זיי צעשפּרייט איבער דער גאַנצער מערב־וועלט.

די שווידערלעכע אַנטיסעמיטישע פּאָליטיק לגבי דער יידישער יוגנט, וואָס

דאָדע (ערשטער לינקס) צווישן משפחה און פריינד

האָט זיך געריסן צו העכערער בילדונג און נישט צוגעלאָזט געוואָרן אין די דאָר־טיקע אוניווערסיטעטן, האָט געצוווּנגען יידישע סטודענטן צו קלאַפּן אין די טויערן פון די אויסלענדישע הויך־שולן און אומדירעקט באַגלייט די יידישע איבערוואַנדערונג אין די נייע לענדער.

מיט דער אַלגעמיינער מאַסן־עמיגראַציע פון פוילן, ליטע און רומעניע זענען קיין בעלגיע געקומען צענדליקער טויזנטער אַרבעטער, פאָלקס־מענטשן און שטודירנדיקע יוגנט. אָט די ניי־אָנגעקומענע — ביי דער זייט פון די אַלט־איינגעזעסענע, טיילוויז אַסימילירטע יידן, — און די וואָס זענען אויף זייער וועג קיין אַמעריקע געבליבן שטעקן אין אַנטווערפּן, — האָבן געעפנט אַ ניי בלאַט אין דער געשיכטע פון דעם דאָרטיקן יידישן יישוב.

די יידישע אימיגראַנטן פון מזרח־אייראָפּע האָבן מיטגעבראַכט מיט זיך די שיינע טראַדיציעס, דורשט נאָך וויסן און געוווינהייט צו אַ גייסטיק, קול־טורעל און געזעלשאַפטלעך לעבן. מיט דאַנקבאַרקייט האָט מען דאָ אויפ־גענומען יעדן אינטעליגענטן מענטש און אַקטיוון קולטור־טוער.

דאָדע טראָצקי איז צווישן די נייע אימיגראַנטן געווען ווי אַן אייגענער. פשוט, פאָלקסטימלעך און מיט אַ פיינעם יידישלעכן הומאָר. ער האָט נישט געקוקט אויף דעם מאַסן־מענטש פון אויבן־אַראָפּ, נישט געווען ווי דער שטיי־פער אינטעליגענט, וואָס רעדט אַראָפּ צום פּראָסטן המון, און נישט ווי אַ בעל־צדקה, וואָס טיילט זיין רייכן קולטור־פאַרמעגן, ווי נדבות צו די אָרעמע, — נאָר אַ גלייכער מיט גלייכע.

די טעטיקייט פון דאָדע טראָצקי איז געווען אַ פילזייטיקע און אַ פיל־פאַרביקע. נישט געווען ביי אים קיין וויכטיקע און ווייניק וויכטיקע אַקטיווי־טעטן, קיין קליינע און גרויסע מצוות. דער צ״ק־מיטגליד פון פועלי־ציון האָט מיט דער זעלביקער קדושה געשריבן אַרטיקלען, אַרויסגעטראָטן אויף אָוונטן און מיטינגען, אָרגאַניזירט און אָנגעפירט מיט פאַרשידענע אינסטי־טוציעס, אַרויסגעוויזן איניציאַטיוו און אַליין אויסגעפירט די פאַרשידנסטע אַרבעטן.

אין זיין געבוירן־שטאָט ווילנע און אין דער דאָרטיקער יידישער רעאַל־גימנאַזיע האָט דאָדע טראָצקי איינגעזאַפּט אין זיך די ליבשאַפט צו יידיש און די קענטעניש פון דער יידישער ליטעראַטור. ער פלעגט זייער אָפט רעפערירן אויף ליטעראַרישע טעמעס, אינסצעניזירן דערציילונגען, רעזשיסירן און איינ־שטודירן מיט דראַמאַטישע קרייזן, וועלכע ער האָט אַליין געגרינדעט.

אין אָנהייב דרייסיקער יאָרן האָט ער געשאַפן אין בריסעל אַן אָפּטיילונג פון ווילנער יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט און געזאַמלט די פאַרשידנסטע „שיימעס" צו דער געשיכטע פון יידן אין בעלגיע. איצט געפינט זיך דער צו־זאַמענגעקליבענער מאַטעריאַל אין אַ ספּעציעלער אָפּטיילונג אין ייוואָ, ניו־יאָרק, אויף דעם נאָמען פון דאָדע טראַצקי.

✶

דער יידישער יישוב אין בעלגיע איז קיין מאָל נישט געווען גרויס אין צאָל. דעם קולמינאַציע־פּונקט, פון בערך 90 טויזנט יידן, האָט ער דערגרייכט נאָך היטלערס קומען צו דער מאַכט, בעת די בעלגישע רעגירונג האָט אַריינ־געלאָזט אַ 30 טויזנט יידיש־דייטשע פליכטלינגען, פאַר וועלכע עס איז אָבער געווען פרעמד יידיש־געזעלשאַפטלעכע־און קולטור־טעטיקייט.

דער יישוב האָט זיך נישט אויסגעצייכנט מיט קיין באַזונדערע מעלות און ספּעציעלע אויפטוען, אָבער, ווי אַ קליינער קיבוץ יידן, האָט ער אַרויס־געוויזן אַ סך רירעוודיקייט און אַקטיוויטעט. שווער אָנצוּווייזן אויף נאָך אַ קליינעם יישוב, ווו עס האָט פולסירט אַזאַ נאַציאָנאַל־און קולטור־לעבן ווי ביי די יידן אין בעלגיע.

אין קעגנזאַץ צו דער פילפאַכיק גרעסערער צאָל יידן אין פראַנקרייך, איז דער יידישער קאָלעקטיוו אין בעלגיע — נישט קוקנדיק אויף דעם אומ־אויפהערלעכן אָנגריף פון די דאָרטיקע יידישע קאָמוניסטן, מיט דער הילף פון די מאַסן־אָרגאַניזאַציעס פון זייער שוועסטער־פּאַרטיי אין פּאַריז — געווען און געבליבן נאַציאָנאַל און ציוניסטיש.

אין פאָרמירן דעם כאַראַקטער פון דעם יידישן יישוב אין בעלגיע האָבן אַ גרויסן חלק די דאָדע טראַצקיס, וואָס האָבן אַוועקגעגעבן זייער צייט, מי און וויסן אויפצוהייבן די אימיגראַנטישע מאַסע פון יידישע אַרבעטער און פאָלקס־מענטשן, זיי צו באַווירקן קולטורעל און נאַציאָנאַל און צו געבן דעם יידישן מענטש גלויבן אין אַ שענערער וועלט.

✶

אַ מאָדנע תקופה געווען צווישן די צוויי וועלט־מלחמות: פון איין זייט, אַ טרויעריקע יידישעווירקלעכקייט, אָנגעלאָדן מיט סכנות און געפאַרן; פון דער צווייטער זייט, — טרוימען אין שיינע, דערהויבענע נאַציאָנאַלע און סאָ־ציאַלע באַפרייונגס־אידעאַלן. איז געקומען די טראַגישסטע פון אַלע מלחמות

און אויפן סאַמע ברוטאַלסטן און באַרבאַרישסטן אופן פאַרשניטן די גייסטיק און קולטורעל בליִענדיקע יידישע יישובים אין אייראָפּע, איבערגעריסן די שיינע חלומות וועגן אַ בעסערער געזעלשאַפט און אַ בעסערן מענטש און צע־שטערט די פאַרצווייגטע יידישע קולטור־און־געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט.

*

אין די אָקופּאַציע־יאָרן איז דאָדע טראַצקי געווען אַקטיוו אין דער יידישער ווידערשטאַנד־באַוועגונג, זיך באַטייליקט אין דעם אומלעגאַלן „אונ־דזער וואָרט", אַרויסגעגעבן פון פּועלי־ציון אין בעלגיע, און געווען איינער פון די רעדאַקטאָרן פון „לע פלאמבא", די אויסגאַבע פון דעם יידישן פאַר־טיידיקונגס־קאָמיטעט.

זיין דירה איז געווען דער צענטער פאַר אַ גרויסן טייל פון דער רע־זיסטאַנץ־אַרבעט, און נאָך אַ מסירה פון זיינע רעקסיסטישע שכנים ווערט אין מיטן נאַכט זיין הויז באַפאַלן פון דער געסטאַפּאָ, וואָס פירט אַדורך אַ שטרענגע רעוויזיע, וועלכע דויערט עטלעכע שעה.

ס'איז געווען אומפאַרמיידלעך, אַז אין דעם הויז זאָלן נישט געפינען

פון לינקס אויף רעכטס: דאָדע טראַצקי, ריווע טראַצקי (דאָדעס מוטער), שפרה ווערבער־טראַצקי, אבוש ווערבער און פאַלינאַ (זיצט, ערשטע רעכטס). בריסעל, 1940



דאָדע ביי זיין אַרבעט

ווערן סימנים פון דער אומלעגאַלער טעטיקייט, און דאָדע טראָצקי מיט זיין פרוי ווערן אַרעסטירט און אַוועקגעשיקט אין דעם בעלגישן זאַמל-לאַגער מאַלין, פון וואַנען ס׳זענען אָפּגעשיקט געוואָרן די טראַנספּאָרטן קיין אוישוויץ.

ס׳געלינגט זיי זיך אַרויסצורייסן פון די געסטאַפּאָ-נעגל, אָבער די פרייד דויערט נישט לאַנג. זיי ווערן נאָך אַ מאָל אַרעסטירט און דעפּאָרטירט, און דאָדע טראָצקי איז שוין מער נישט צוריקגעקומען.

20 יאָר זענען אַדורך זייט דעם טראַגישן טויט פון דאָדע טראָצקי. פאַרשניטן געוואָרן אין סאַמע בל׳ענדיקן עלטער אַ שיין, שפרודלדיק און שע-פעריש לעבן. אין עלטער פון 40 יאָר איז אַכזריותדיק אומגעבראַכט געוואָרן איינער פון די, וואָס האָבן געבויט און פאָרמירט דאָס יידישע געזעלשאַפטלעכע און קולטור-לעבן צווישן די צוויי וועלט-מלחמות.

מרים כץ־לונסקי

מיין חבר, מיין ברודער

אַלע האָבן אים גערופן דוד.

פּאָר אונדז, זיינע גימנאַזיע־חברים, איז ער געווען און פֿאַרבליבן — דאָדע.

דאָדען האָב איך געקענט פֿון 1921. אין יענע ברויזנדיקע יאָרן, ווען עס האָט זיך אַנטוויקלט אַ וווּנדערבאַרער יידישער שול־וועזן, איז ער געווען אַ שילער פֿון דער ערשטער יידישער רעאַל־גימנאַזיע אין ווילנע. דאָדע האָט געהערט צו די אַקטיווסטע שילער אין אונדזער גוזעלשאַפֿטלעכן שול־לעבן: געווען טעטיק אין יוגנט־קרייז ביי דער שול, רעדאַקציע־מיטגליד פֿון שילער־זשורנאַל; פֿאַרפֿאַסט לידער; זיך אויסגעצייכנט מיט זיינע פֿעיִקייטן צו ליטע־ראַטור און מאַטעמאַטיק. און שטענדיק לעבנסלוסטיק, פֿול מיט יונגער שטי־פֿערישקייט. ווו דאָדע איז געקומען, איז געווען פֿריילעך און אינטערעסאַנט. און אַ חבר איז ער געווען — אין פֿולן זין פֿון דעם וואָרט.

יאָרן זענען פֿאַרביי.

דאָדע איז אַוועקגעפֿאָרן אין אויסלאַנד. און ווען מיר האָבן זיך גע־טראָפֿן אין בריסעל, איז ער שוין געווען אַ דיפּלאָמירטער אינזשעניר, געהאַט אַ גוטן פּאָסטן. ער איז אָבער געטריי געבליבן זיין ווילנע. אַקטיוו געווען אין יידישן קולטור־לעבן, געאַרבעט אין די יידישע צוזאַב־שולן און אָנגעפֿירט מיט אַ ייווא־סעקציע. דאָדע איז געווען אַ געטרייער מיטגליד פֿון זיין פּאַרטיי. און — דער זעלבער פּשוטער דאָדע, דער זעלבער חבר דאָדע.

ס׳זענען אָנגעקומען די שרעקלעכע מלחמה־יאָרן. מיר לעבן אין דער וואַלאָנישער פּראָווינץ, איינזאַם, אָפּגעריסן פֿון אַלץ און פֿון אַלעמען. דאָדע איז געקומען באַזוכן זיין קליין פּלימעניקל משהלע, וועלכער איז געווען אויס־באַהאַלטן ביי אַ בעלגישער משפּחה אין אונדזער געגנט. ער ווערט ביי אונדז

אַן אָפּטער גאַסט. אונדזער היים ווערט — זיין היים. זיין יעדער באַזוך איז פאַר אונדז אַ יום־טוב.

אין יענע גרויזאַמע יאָרן, ווען מענטשן האָבן זיך דורך נאַכט געענדערט, ווען ביי אַ סך איז דער לעבנס־שטייגער געוואָרן „יעדער פאַר זיך", איז דאָדע פאַרבליבן טריי זיך אַליין און דער חבר איז געוואָרן — אַ ברודער.

אַ מענטשן דערקענט מען אין שווערע צייטן. אַלץ וואָס דאָדע האָט דאָן געטאָן איז געווען דורכגעזאַפּט מיט מענטשלעכקייט און איידלקייט.

ער ווערט געכאַפּט דורך דער געסטאַפּאָ און פאַרשיקט קיין מאלין. עס גיט זיך איין אים צו באַפרייען.

ער קומט צו אונדז. איך האָב נאָך פאַר די אויגן דאָס בילד: ביים אַריינגאַנג שטעלט זיך אָפּ אַ בריטשקע — דאָדע האָט געכאַפּט פון וואָקזאַל אַ „סטאָפּ" ביי אַ פּערמער, וואָס איז געפאָרן אויפן זעלבן וועג. ער גייט אַראָפּ אַ שיינענדיקער, אַ פריילעכער; אין דער האַנט אַ שפּילצייג פאַר אונדזער טעכטערל, אַ „טאָרט", געבעקס פון טונקעלע מעל מיט ערזאַץ־קרעם, וואָס האָט געקאָסט אַ פאַרמעגן. ס'איז יום־טוב ביי אונדז: דאָדע איז דאָ צוריק. מען רעדט און מען פרייט זיך. מיר ווייסן נישט, אַז דאָס איז דאָס לעצטע מאָל, וואָס מיר פאַרברענגען צוזאַמען...

דאָדע איז נאָך אַ מאָל אַריינגעפאַלן אין די לאַפּעס פון דער געסטאַפּאָ און שוין צוריק נישט געקומען. מיט די טויזנטער אַנדערע בעלגישע יידן איז ער אַוועק אויף זיין לעצטן וועג...

אויפן בריסעלער יידישן בית־עולם רוט זיין מאַמע, זי האָט געהאַט דעם גרעסטן צער פון אַ מאַמען: איבערלעבן איר קינד. אויף איר מצבה איז אויסגעקריצט אויך דאָדעס נאָמען. אויף דעם קבר גייען מיר דערמאָנען, מיט ליבשאַפט און בענקשאַפט, אונדזער דאָדען.

RYWA TROCKI — WOLPERT
INGENIEUR DAVID

ד״ר ברוך מייזעל

דאָדע טראַצקי אין אוישוויץ, מאַוטהאַוזען און עבענזע

דאָדע טראַצקי, מיין גוטער פריינד פון בריסעל, איז אָנגעקומען אין אוישוויצער לאַגער מיט דעם לעצטן טראַנספּאָרט פון בעלגיע, דעם 2טן אויגוסט 1944.

אַ טאָג נאָך זיין אָנקומען האָב איך אים געזען אין קאַראַנטין־בלאָק נומער 2. ווי אַלע ניי־אָנגעקומענע, איז ער געווען אומרויִק און באַזאָרגט און פיבערהאַפט אויסגעפרעגט וועגן אַלע פּרטים פון לאַגער־לעבן. ער האָט מיר אַנטפּלעקט אַ סוד, אַז ער גרייט זיך אָנצושרייבן אַ גרויס ווערק וועגן דעם יידישן לעבן אין דער לעצטער תקופה, אַז ער זאַמלט דאָקומענטן פון לעבן אין די לאַגערן, פאַרצייכנט זיינע אייגענע איבערלעבענישן און אַלץ, וואָס זיינע אויגן זעען.

אין אַ קורצער צייט אַרום איז ער געווען אין די פּראַגן בעסער באַהאוונט, ווי אַ סך פון די לאַגערניקעס — די „אַלטע נומערן״.

נאָך צוויי־דריי טעג קאַראַנטין איז דאָדע געשיקט געוואָרן אויף קאָמאַנדאָ־אַרבעט אויסער דעם לאַגער. דאָ איז אים דאָס גליק בייגעשטאַנען. ער איז אָנגעקומען אַרבעטן אין אַ בוי־ביוראָ אַלס צייכענער. ביי דער אַרבעט האָבן זיך איינגעשטעלט זייער גוטע באַציונגען צווישן אים און די אַנדערע אַרעסטאַנטן, בעיקר — פּאָליאַקן און דייטשן. אויך דער אַרבעט־אויפזעער האָט זיך צו אים גוט באַצויגן און ווען עס האָט זיך אין אַ צייט אַרום אַרויסגעוויזן, אַז ער פּאַסט זיך נישט פאַר דער אַרבעט, ווייל ער איז נישט קיין קוואַליפיצירטער בוי־צייכענער, האָט מען אים נישט צוריקגעשיקט אין לאַגער, נאָר באַשטימט פאַר אַ הייצער אין דעם זעלביקן בנין.

טראַצקי, — אַזוי האָט מען אים גערופן אין לאַגער, — איז געווען זייער אַקטיוו צווישן די בעלגישע יידן־אַרעסטאַנטן, האָט זיי אָרגאַניזירט, כדי זיך קעגנזייטיק צו העלפן און צו שטיצן. עס איז געוואָרן אַ מנהג, אַז

יעדן טאָג נאָכן „אַפּעל" און נאָכן אויסטיילן די „פּאַרציעס" פלעגט מען גיין צום „בעלגישן קאָנסול" און דאָרט, אויף די טרעפּלעך פון בלאָק 16, אויס־הערן די לעצטע לאַגער־„נייעס": „באַריכטן" פון די „גוטע" און שלעכטע קאָמאַנדאָס, ווער עס האָט דעם טאָג באַקומען מער און ווער ווייניקער געשלאָגן, צי ס׳דערנענטערט זיך די געפאַר פון סעלעקציע, וואָס מען דאַרף טאָן, כדי זיך אַריינצובאַקומען אין אַ גוטן קאָמאַנדאָ און צי עס לאָזט זיך ערגעץ עפּעס וואָס „אָרגאַניזירן".

דאָדע האָט נישט גערוט, אַלעמען אויסגעפרעגט און יעדן איינעם געעצהט. זיין אייגענע לאַגע האָט זיך אָבער שטאַרק געענדערט: עס איז אים אויסגעקומען צו לייסטן, אָפט מאָל, אַ שווערע פיזישע אַרבעט ביים אויסלאָדן פורן מיט קוילן פאַר זיין הייץ־קעסל און טראָץ זיינע גוטע „אָרגאַניזאַטאָרישע" פעיקייטן, איז אים אָפט אויסגעקומען אַ ביסל אונטערצוהונגערן.

אַ פּאָר טעג פאַר קריסטמעס האָט ער זיך פאַרקילט און באַקומען אַ לונגען־אָנצינדונג. ער איז אַריבערגעפירט געוואָרן אין קראַנקן־הויז און נאָכן אויסהיילן זיך איז אים געלונגען דאָרט צו פאַרבלייבן אַלס הילפס־פלעגער און ער האָט אין משך פון אַ פּאָר וואָכן געלעבט אין בערך גוטע באַדינגונגען.

די עוואַקואַציע פון אוישוויץ, דאָנערשטיק, דעם 18טן יאַנואַר 1945, איז פאַר דאָדען געווען פאַטאַל. ווי פאַר טויזנטער און טויזנטער אַנדערע דעפּאָרטירטע. מיט ממש איבערמענטשלעכער אָנשטרענגונג איז אים קוים געלונגען אַדורכצומאַכן דעם טויטן־מאַרש. נישט איין מאָל האָט מען אים, אַ דערשעפּטן, געמוזט אויפהייבן פון דער ערד און אונטערהאַלטן אין ווייטער־דיקן מאַרש, כדי אָפּצוראַטעווען פון דער נאַצישער קויל.

סוף יאַנואַר איז מען אָנגעקומען קיין מאַוטהאַוזען. נאָכן אָפּליגן אין דרויסן, אין שרעקלעכן פראָסט, אַרום 30 שעה, — אין משך פון וועלכע הונ־דערטער מענטשן זענען פאַרפרוירן געוואָרן אויף טויט, — האָבן מיר אַדורכ־געמאַכט די דעזינפעקציע־קאָמעדיע און פאַרשפּאַרט געוואָרן אין בלאָק 2 אויף קאַראַנטין. צוויי־דריי טעג שפּעטער האָט מען אונדז אָפּגעשיקט קיין עבענזע (ביי לינץ).

דאָ זענען, צו אונדזער גליק, באַמערקט געוואָרן עטלעכע טיפוס־פאַלן אין אונדזער טראַנספּאָרט. דאָס האָט אונדז דערמעגלעכט צו פאַרבלייבן 8 טעג אין קאַראַנטין און זיך אַ ביסל אויסרוען נאָך דעם 14־טאָגיקן, כמעט אומאויפ־הערלעכן מאַרש. דאָדע איז ווידער אַ ביסל געקומען צו זיך און פון דאָס ניי

פול געוואָרן מיט האָפענונג, אַז עס וועט שוין לאַנג נישט דויערן און אַז די ישועה איז נישט ווייט.

נאָך די אַכט קאַראַנטין־טעג איז טראַצקי צוגעטיילט געוואָרן צום קאָמאַנדאָ בוכהיים. דאָס איז געווען אַן אויסערגעוויינלעך שווערע קאָמאַנדאָ, וואָס האָט געאַרבעט בערך 40 קילאָמעטער פון לאַגער, פון 4 פאַר טאָג ביז 6 אין אָוונט, ביי באַנען־בוי און אויסלאָדן וואַגאָנעס. עס האָט אָבער געהאַט די „מעלה״, וואָס צום מיטאָג האָט מען באַקומען אַ שטיקל ברויט אַלס צולאַגע צו דער געוויינלעכער „ראַציע״.

איך האָב מיט דאָדען, צוליב אונדזערע פאַרשידענע אַרבעטס־שעהען, פאַרלוירן יעדן קאָנטאַקט ביז מיטן מערץ 1945, ווען עס איז מיר צופעליק אויסגעקומען אים איבערצופירן פון „אויפנאַמע־בלאָק״ אין יידישן קראַנקן־הויז. ער האָט זיך דעמאָלט געפונען אין דעם צושטאַנד פון פרע־קאָלאַפּסוס: געשוואָלן (פון הונגער, קלעפּ און שווערער אַרבעט), אַן באַוווסטזיין און נידעריקע טעמפעראַטור.

עס איז געווען קלאָר, אַז ביי די „הייל־באַדינגונגען״, וואָס האָבן געהערשט אין דעם יידישן קראַנקן־הויז, איז דאָדע געווען אַ פאַראורטיילטער. איך האָב אים, בגנבה, אַ פּאָר מאָל געזען. זיין מצב האָט זיך פון טאָג צו טאָג פאַרערגערט.

אין דער נאַכט פון 20סטן אויפן 21סטן מערץ 1945 איז ער איינגע־שלאָפן אויף אייביק.

פ. בלאַנק

דאָדע טראָצקי — צו זיין צוויי׳טער יאָרצייט

איך וועל מיט גאָרנישט מגזם זיין, אויב איך וועל זאָגן, אַז דאָדע טראָצקי איז געווען אַקטיוו אויף אַלע געביטן פון היגן קולטור־געזעלשאַפט־לעכן לעבן, און אָפט מאָל אויך געווען דער טאָן געבער.

אַן אָפּשטאַמיקער פון ווילנע, האָט ער מיטגעבראַכט פון דאָרט — פון ירושלים דליטא — די גרויסע ליבע צו יידיש לשון און די איבערגעגעבנקייט צום ייוואָ־געדאַנק. מיט די אָ צוויי גאָלדענע פעדעם איז ער געווען פאַרבונדן ביז אין די לעצטע יאָרן פון זיין יונג פאַרשניטן לעבן...

שטיל און באַשיידן, מיט דער מיטהילף פון אייניקע פריינד פון דער ערשטער ייוואָ־סעקציע, וועלכע ער האָט געגרינדעט אין בריסעל, אָפט מאָל אַליין, טוט ער די הייליקע אַרבעט: זאַמלט פלוג־בלעטלעך, אַפישן, בריוו, פאָטאָס, זשורנאַלן, צייטונגען, א. אַ. יעדן זונטיק אין דער פרי, דאָס ווערט שוין ביי אים אַ חוק ולא יעבור, זעט מען אים, ווי ער שפּאַנט איבערן היגן אַלטן מאַרק, זוכט און נישטערט צווישן בערג שיימעס און אַלטע ביכער; און געפינט ער אויס אַ ספרל, וואָס קען האָבן, לויט זיין אָפּשאַצונג, אַ וועלכן ס׳איז ווערט פאַרן ייוואָ־אַרכיוו, איז ער ממש אַ גליקלעכער.

די ייוואָ־אויסשטעלונג אין יאָר 1937, וואָס האָט געהאַט אַ גרויסן דער־פאָלג און געפונען אַ זייער וואַרעמען אָפּקלאַנג אין דער יידישער און אויך נישט־יידישער פּרעסע פון בעלגיע, האָט באַוויזן בולט די ערשטע פּרוכטבאַרע סך־הכלען פון דאָדעס ייוואָ־טעטיקייט.

בעת דעם צווייטן וועלט־קריג, ווען אויף בעלגיע האָט געלויערט די מלחמה־געפאַר, ווייסט דאָדע אָפּצושאַצן דעם ווערט פון די געזאַמלטע מאַטעריאַלן, זייער חשיבות פאַר דער יידישער וויסנשאַפטלעכער פאָרשונג און, נישט קוקנדיק אויף דער סכנה, פאַרמויערט ביי זיך אין הויז דעם אַזוי טייערן אוצר. אַ דאַנק אָט דער מסירת־נפש האָבן מיר היינט צו טאָג אַ

מעגלעכקייט, צו באַזאָרגן דער ייווא־צענטראַלע מיט אַלע נייטיקע מאַטעריאַלן וועגן יידישן לעבן אין בעלגיע אין די לעצטע עטלעכע צענדליק יאָר.

דאָדע טראַצקי האָט געהערט צו די יידישע אינטעלעקטואַלן, וועלכע האָבן געהאַלטן, אַז שטיין מחוץ למחנה איז אַ פאַרברעכן, אַז דער חוב פון יעדן יידישן אינטעליגענט איז זיך צו שטעלן מיט זיין גאַנצן קולטור־באַגאַזש צו דער דיספּאָזיציע פון די יידישע פאָלקסמאַסן.

זיינע רעפעראַטן אויף וויסנשאַפטלעכע טעמעס, וועלכע ער לייענט פאַר די מיטגלידער פון „פאָלקס־קלוב" (קולטור־געזעלשאַפט, געגרינדעט אין יאָר 1936), רופן אַרויס גרויס אינטערעס ביי די צוהערער, על פי רוב אַרבעטער, מיט עלעמענטאַרער בילדונג.

דאָדעס פאַרלעזונגען האָבן געהאַט די גרויסע מעלה, וואָס זיי זענען אַרויסגעבראַכט געוואָרן אויף אַ פּאָפּולערן אופן און אין פשוטע ווערטער און אָפט מאָל באַגלייט מיט פּראַקטישע אילוסטראַציעס. אַזוי, למשל, געדענק איך זיינעם אַ פאָרטראַג אויף דער טעמע: „נאַפט אין דער אינטערנאַציאָנאַלער פּאָליטיק", אויף וועלכן די צאָלרייכע צוהערער האָבן, צו זייער גרויסער שטוינונג, דערזען אויפן לעקטאָרס טיש אַ גאַנצע ריי פאַרשידנאַרטיקע, מכשירים: פלעשלעך, רערלעך, גלעזעלעך, גרעסערע און קלענערע — אָנגעפילט מיט פליסיקייטן פון פאַרשידענע קאָלירן, אַ גאַנצע לאַבאָראַטאָריע. דאָס האָט דאָדע, ביי דער געלעגנהייט, געוואָלט אויפקלערן דורך פּראַקטישע עקספּערימענטן אייניקע עלעמענטאַרע כעמישע ווירקונגען. דער עולם האָט מיט פאַרכאַפּטן אָטעם און מיט גרויס שפּאַנונג נאָכגעפאָלגט דעם ביז גאָר טשעקאַווען „וווּנדער" פון דער כעמישער מיסטעריע...

פונקט אַזוי לעבעדיק האָבן אויסגעזען זיינע רעפעראַטן איבער יידישער געשיכטע, מיט וועלכע ער פלעגט אויפטרעטן אין פאָלקס־אוניווערסיטעט (געגרינדעט דורך דער קולטור־קאָמיסיע ביים ראַט פון יידישע אָרגאַניזאַציעס). יעדער רעפעראַט — פאַרזען מיט אַן אַ שיעור מאַפּעס, צייכענונגען און כלערליי דיאַגראַמען, לויט וועלכע ער פלעגט אָריענטירן די צוהערער פון געשיכטע־לימוד.

דאָדע האָט געווידמעט פיל צייט דער אונטערוואַקסנדיקער אַרבעטער־יוגנט. דאָס שאַפן אַ דראַמקרייז איז ביי אים נישט געווען קיין דראַנג צו „די ברעטער", נאָר אַ פועל־יוצא פון אַחריותפולער באַציונג צום יידישן

דוד (דאָרע) טראַצקי ע״ה

דוד (דאָרע) טראַצקי

(צו דער פערטער יאָרצייט)

דאָרע טראַצקי

(צום צווייטן יאָרצייט)

צו דער 6־טער יאָרצייט פון חבר דאָרע (דוד) טראַצקי

EDITEUR - IMPRIMEUR

חבל על דאבדין ולא משתכחין!

קינסטלערישן וואָרט און ערנסטער זאָרג פֿאַר דער דערציונג פֿון דער יידישער יוגנט.

די, וועלכע האָבן געהאַט די פּריווילעגיע בייצווויין אויף די רעפּעטיציעס פֿון „אַטעליע״ (אַזוי האָט געהייסן דער דראַמקרייז, מיט וועלכן דאָדע האָט אָנגעפֿירט, וועלכער איז באַשטאַנען פֿון אַמאַטאָרן — יוגנטלעכע און עלטערע חברים פֿון דער בריסעלער פּועלי־ציון־פּאַרטיי) האָבן געקענט זיך איבער־צייגן, מיט וואָס פֿאַר אַן אויסערגעוויינלעכער איבערגעגעבנקייט און רעזשי־סערישער באַגאַבונג ער פֿלעגט איינשטודירן פּיעסעס, סצענעס און פֿראַגמענטן פֿון גרעסערע ווערק; וויפֿל מי ער פֿלעגט אַריינלייגן, כדי אַלץ זאָל אַרויס־קומען וואָס שענער, מיט וואָסער געדולד ער פֿלעגט וועגן און מעסטן יעדן זשעסט, יעדע אינטאָנאַציע, יעדעס וואָרט, כדי עס זאָל זיין לעבעדיק און שפּרודלדיק; אָפּגערעדט שוין פֿון דעם, אַז דער צוגעקליבענער רעפּערטואַר איז שטענדיק געווען פֿון קינסטלערישן ווערט. דעריבער טאָקע האָבן די „אַטעליע״־אויפֿפֿירונגען („מיסיסיפּי״ פֿון ל. מלאך, די „קליאַטשע״ און „מסעות בנימין השלישי״ פֿון מענדעלע מוכר ספֿרים, „דאָס מעסערל״ פֿון שלום עליכם און „דער כּעס פֿון אַ יידענע״ פֿון י. ל. פּרץ) תמיד געשאַפֿן דעם גייסטיקן קאָנטאַקט צווישן בינע און פּובליקום.

ווי שוין געזאָגט, איז דאָדע געווען אַ גרויסער ליבהאָבער פֿון יידיש. ער פֿלעגט זיך ממש „צאַצקענען״ מיט יעדן ניי־דערשינענעם יידישן בוך, וואָס האָט באַרייכערט זיין ביכער־שאַנק.

דאָדע איז געווען אַ זייער פּינקטלעכער און אַ גרויסער אָנהענגער פֿון סדר סיי אין פּריוואַטן לעבן, סיי אין דער געזעלשאַפֿטלעכער אַרבעט. דאָס האָט מען אַרויסגעזען פֿון דער אָרדענונג, מיט וועלכער ער האָט געפֿירט די ייוואָ־אַרכיוון, וווּ אַלץ איז געווען פֿאַרזען מיט נומערן, מיט צעטעלעך און מיט קאַטאַלאָגן; אַפֿילו זיין אייגענע ביבליאָטעק האָט ער קאַטאַלאָגירט און יעדעס בוך פֿלעגט שטיין אויף זיין באַשטימט אָרט.

דאָדעס ליבע צו יידיש גייט צוזאַמען מיט זיין ליבע צו יידישע קינדער. ער איז גליקלעך, ווען ער טרעפֿט אַ קינד, וואָס קען מאַמע־לשון...

איך דערמאָן זיך אַ כאַראַקטעריסטישן פֿאַל. דאָס איז געווען ערב דער פֿאָרשטעלונג פֿון „מאָטל פּייסי דעם חזנס״, וואָס די קינדער פֿון די פּרץ־שולן האָבן געהאַלטן אין צוגרייטן (אַגב, „מאָטל פּייסי דעם חזנס״ איז פֿון דאָדען ספּעציעל באַאַרבעט געוואָרן פֿאַר שילער פֿון די פּרץ־שולן, וווּ ער האָט

אַנגעפירט מיט דעם פעדאַגאָגישן ראַט). בעת די פּראָבן, כמעט יעדן טאָג, פלעגט צו אונדז אַרויפקומען אַ פינף־יעריק יאַטל, יונהלע, וואָס האָט גערעדט אַ שפּרודלדיקן ייִדיש. פון כסדר צוקוקן זיך צו די פּראָבן איז דאָס יאַטעלע אַזוי באַהאַוונט געוואָרן אין דער גאַנצער שפּיל, אַז ער האָט שוין געקענט פון אויסנווייניק גאַנץ „מאָטל פּייסי דעם חזנס" און פלעגט נאָכקאָפּירן אַלע טיפּן פון דער פּיעסע. ווען דאָדע איז געוווּר געוואָרן פון פענאָמענאַלן פינף־יעריקן „אַרטיסט", האָט ער אים שוין נישט געלאָזט רוען... יעדן זונטיק פלעגט ער קומען צו אים און הייסן „דערלאַנגען" אַ „מאָטל", אַ „פּיניע", אַ „פּעסי די יידענע". און אָנגעקוואָלן פון יעדן וואָרט, געווען אין זיבעטן הימל...

ערב יעדער קינדער־פאָרשטעלונג איז דאָדע געווען פאַרטאָן ביז איבער די אויערן: געזאָרגט וועגן קאָסטיומען, פּראָזשעקטאָרס, גרים, דעקאָראַציעס און אַלע אַנדערע נייטיקע זאַכן. איך געדענק, איין מאָל, ערב אַ פאָרשטעלונג פון מיינעם אַ פּאַלעסטינע־מאָטיוו „עמק יזרעאל", האָט פאַר דער אינסצעני־זאַציע אויסגעפּעלט די געהעריקע דעקאָראַציע. ביי מיר איז שוין געווען באַשלאָסן דעם דאָזיקן נומער אַראָפּצונעמען פון פּראָגראַם. דאָדע האָט מיך אָבער באַרויקט און געהייסן ווייטער פאָרזעצן די צוגרייטונג. „ס'וועט שוין גוט זיין" — האָט ער צוגעגעבן.

ווי גרויס איז געווען מיין איבעראַשונג, ווען בעת דער פאָרשטעלונג, זיצנדיק אין סופלאָר־קעסטל, דערזע איך מיט אַ מאָל, — נאָכן אַרויפציען דעם פאָרהאַנג — אַ פאַרכאַפּנדיק בילד, ממש אַ מעשהלע פון טויזנט און איין נאַכט: צוויי פּרעכטיקע הויכע פּאַלמעס, אין הינטערגרונט אַן אָריענ־טאַלישע לאַנדשאַפט אין אַ רויטן שקיעה־שיין, און אין מיטן פון אַט דעם פּרעכטיקן פּייזאַזש שניידט זיך אַרויס אַ הויכע שלאַנקע סטאַטוע, איינגע־הילט אין אַ ווייסן ליילעך, אויפן קאָפּ אַ פאַרבנרייכער טורבאַן — דער יידישער שומר פון עמק. דערנעבן, אין זיין נאַטירלעכער גרייס, אַ גמל (אַ קעמל) און עס הערט זיך אַ בין־השמשותדיק צאַרט און בענקענדיק געזאַנג...

דער עולם איז געזעסן פאַרגאַפּט, אַזוי פאַרבנרייך, אַזוי לאָקנדיק איז דאָס בילד געווען, און דער עיקר, אַזוי ארץ־ישראלדיק. אויב דער נומער איז אויפגענומען געוואָרן מיט אַזוי פיל אַפּלאָדיסמענטן, איז עס אין אַ גרויסער מאָס דערפאַר, ווייל דאָדע האָט אין דעם אַריינגעלייגט אַ שטיק פון זיין צאַר־טער נשמה...

שפּעטער לאַנג איז ער אין דער היים געזעסן און געצייכנט די אַלע

דעקאָראַציעס און געשטעלט סיי מיך און סיי דעם עולם פאַר אַט דעם אָנגענעמען סורפּריז.

אין דער אָקופּאַציע־צייט ווערן דורך דער קולטור־קאָמיסיע ביי דער יידישער געמיינדע געעפנט יידישע צוגאָב־שולן. אויך דאָרטן טרעף איך זיך מיט דאָדען ביי דער אַרבעט.

איך דערמאָן זיך אַ קוריאָז. די צוגאָב־שול, מיט וועלכער איך האָב פאַרוואַלטעט, האָט זיך געפונען אין סען־זשיל אויף רי זשאָזעף קלאָס. איין מאָל, אויף דער לעקציע פון העברעיִש, האָבן זיך די קינדער שטאַרק „צעבאַלעוועט״. אַלע פּרוון פון לערער די קינדער איינצונעמען האָבן זיך נישט איינגעגעבן. איך בין באַלד דעם לערער געקומען צו הילף און מיר איז געלונגען דעם קלאַס איינצושטילן. איך האָב וועגן דעם איבערגעגעבן דעם חבר דאָדע. ער איז געקומען די זאַך אויספאָרשן. מיט פּשוטע ווערטער, וואָס זענען געווען אַזוי טיף מענטשלעך, אַזוי רירנדיק האָט ער די קינדער געגעבן צו פאַרשטיין, אַז ס׳איז איצט נישט די צייט אויף צו באַלעווען, אַז מיר שטייען ערב ערנסטע נסיונות, אַז אין דרויסן דרייען זיך אַרום געסטאַפּאָ־לייט און זוכן נאָר אַזעלכע געלעגנהייטן, ווי טומלעריי און קולי־קולות, בפרט, ווען זיי קומען פון אַ יידישער שול, כדי דאָס אויסצוטייטשן צום שלעכטן (ווי „סאַבאָטאַזש״ אָדער וועלן „שטערן די עפנטלעכע רו״)... און אַלס שטראָף פונאַנדערלאָזן דעם קולטור־אַנשטאַלט, אָפּגערעדט שוין פון דעם, אַז דאָס קען שטעלן אין געפאַר די שול־לייטונג, וועלכע שטייט אין קאָנטאַקט מיט די יידישע קינדער, כדי צו דערמוטיקן זיי אין די דאָזיקע שווערע שעהען...

דאָדע האָט דערציילט די קינדער אייניקע קאַפּיטלען פון יידישער גבורה, געשילדערט פאַר זיי די העלדישע חשמונאים־משפחה, דאָס מעשהלע פון „חנה מיט אירע זיבן זין״, און פאַרענדיקט: ...אַז יידישע קינדער דאַרפן זיך אויפפירן מוטיק און, דער עיקר, סאָלידאַריש, פּונקט ווי זייערע ברידערלעך אַ מאָל...

דאָדעס מוסר־רייד און זיינע ביישפּילן פון דער יידישער געשיכטע האָבן אַזוי געווירקט, אַז די קינדער האָבן אָנגעהויבן וויינען... אויך ביי דאָדען האָבן זיך געשטעלט טרערן אין די אויגן. און איך האָב דערפילט, ווי עס קייקלען זיך הייסע טרערן איבער מיין פּנים...

דאָס איז געווען אַ הייליקער מאָמענט פון קינדערישער סאָלידאַריטעט, איך וועל דאָס מיין גאַנץ לעבן נישט פאַרגעסן.

פאַרן אָפּשלוס פון לערן־יאָר 1942, אין חודש יולי, ווען ס׳האָט זיך אָנגעהויבן דער גרויזאַמער חורבן פון יידישן יישוב אין בעלגיע, אָרדנט איין די קולטור־קאָמיסיע אַ קליינע פייערונג. עס ווערן די קינדער אַרויסגעגעבן דיפּלאָמען. דאָדע דריקט יעדן קינד די האַנט און ווינטשט אַלעמען, אַז מען זאָל נאָך דערלעבן דעם שונאס מפּלה...

ליידער, צו אונדזער גרויסן אומגליק, האָט דער גרעסטער טייל פון יענע קינדער געהאַט דעם זעלביקן טראַגישן סוף, וואָס ער, דאָדע — זייער עלטערער חבר, זייער ברודער...

„חבל על דאבדין ולא משתכחין״!

דימער יארגאנג

בריסל
20 יוני 1947

נומער [illegible]

Bruxelles
le 20 Juin 1947

אונזער ווארט

ארויסגעגעבן פון פועלי-ציון, בעלגיע

«UNSER WORT» (Notre Parole) HEBDOMADAIRE en langue YIDDISH

פון 1941 ביז 1944 אומלעגאלע חודש-אויסגאבע

de 1941 à 1944 MENSUEL CLANDESTIN

פרייז 3 פראנק

אבאנעמענטס-פרייז: 3 חדשים 39 פר.

אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: 43, רי בארא, בריסל

טעלעפאן: 21.84.76

כבוד דעם אנדענק פון אונזערע חברים!

דאדע טראצקי

זיין אקטיוויטעט, קאמף און מארטירער-טויט

[illegible]

אין שטיק פון דער קולטור-ארבעט, יידישע ציונאב-שילן, ביבליאטעק, עונג-שבת פאר יוגנט א.א.וו.

סטעציעלער איסוויכס. און ווען נאך לאנגע פארשונגען, באגלייט פון קלעפ און דראאונגען קריגן די געסטאפא-לייט גארניט פון אים ארויס, ווערט ער איבערגעפירט פון איינצל-קאמער אין אלגעמיינעם לאגער, וואס איז שוין אייגנטלעך א באפרייונג פאר אים.

אין לאגער איז ער זייער לעבעדיק און פריילעך, זינגט און רעציטירט יידישע לידער און הייבט אזוי ארויף די מאראל און מוט פון אנדערע אינטערנירטע יידן.

מאיר טאבאקמאן

געבוירן אין שעדלעץ (פוילן) אין יאר 1912. בעת ער ווערט אלט 15 יאר, פארלאזט ער זיינע עלטערן פוילן און נאכן פארבלייבן א קורצע צייט אין פראנקרייך, קומט ער קיין בעלגיע. האבנדיק א פועלי-ציוניסטישע דערציונג, ווערט ח' מאיר

שפרינגען פון דעפארטאציע-צוג. דער חבר באווארנט זיך מיט פארשידענע כלים, כדי צו מאכן לעכער אין דיל פון וואגאן. דער פלאן און ארגאניזאציע זענען גלענצנד גע־

אנשטאט א קדיש

פיואלט זיכער געווען ניט ריכטיק ווען מען זאל אט די חברים, וועגן וועלכע מיר שרייבן דא א פאר ווערטער, באוויינען. עס איז ניטא פאר זייער כבוד, ווי צו געדענקען מיט טרערן.

נאך זייער טראגישן אומקום האבן זיי אונז איבערגעלאזט א גרויסע ירושה: דאס איז דער בײַשפיל פון זייער קאמפס-גרייטקייט און מסירת-נפש. און ניט מיט באוויינען דארף מען זיי, נאר דערמאנען מיט יראת-הכבוד זייער געבן און מעשים.

עס איז גארניט פריילעך אויפן הארצן, בעת מען ארדנט איין מאסן-יארצייטן. עס כל הנסים, אבער גרייסטע מאסן זענען אומגעקומען, גאנצע ישובים זענען אפגעמעקט געווארן. און דאס אלץ איז געשען מיט א שנעלקייט, ווי עס פאסט פאר אונזער הייטיקער „ציוויליזאציע"...

און ווו נעמט מען אזוי פיל טרערן!

פרומע יידן וואלטן אשר געזאגט תהילים ותשבחות דעם אלמעכטיקן און בארעכטיקט „גאטס דין". מיר קענען דאס ניט. מיר קענען ניט שלום מאכן מיט [illegible] און פארגעסן. מיר זענען זיי מוכיר, כדי תמיד צו געדענקען אן די פליכטן און אויפגאבן, וואס זיי האבן אונז איבערגעגעבן בירושה.

שטיל. נאר שטיל זאל קלינגען דער „יזכור" נאך אונזערע חברים, די העלדן און קדושים, אומגעקומענע אין די נאצי-אייזנס און קרעמאטאריעס. און זאל דאס זיין אונזער קדיש נאך די טעלעכע פון די בעסטע זין פון אונזער פאלק.

א. [illegible]

אין [illegible] יאר ענדיקט ד' טראצקי זיין שטודיום. אלס אינזשעניר-כעמיקער אין באוועגט זיך אין בריסל ווי אן אנפירנדיקער פון צענטראל קאמיטעט פון פועלי-ציון [illegible] אים בײַ די [illegible] ארבעטן אין ישוב, ווו ער גרינדעט און פירט גלייכצייטיק אן מיט דער ייווא-סעקציע.

אין די לעצטע יארן פאר דער מלחמה שאפט ער און פרעזידירט די קולטור-קאמיסיע ביים ראט פון די יידישע ארגאניזאציעס, וועלכע פירט דער א פארצווייגטע טעטיקייט. אויף זיין איניציאטיוו גרינדעט די קאמיסיע א פאלקס-אוניווערסיטעט, ווו מען האט געגעבן לעקציעס אויף פארשידענע געביטן. דאדע טראצקי ווערט פרעזידענט פון יידישער געשיכטע.

אין מאי 1940, בעת דעם היטלעריסטישן איבערפאל אויף בעלגיע, אנטלויפט כמעט דער גאנצער יידישער ישוב פון בעלגיע קיין פראנקרייך. אויך דאדע טראצקי גייט מיט מיטן שטראם.

ער ווערט פארווארפן צוזאמען מיט טויזנטער יידן פון בריסל קיין דרום פראנקרייך אין דעם שטעטעלע רעוועל. דאס געפינט זיך ביי טולוז. אויך דארט רוט ער ניט. ער ווערט באלד מיטגליד פון דער פארוואלטונגס-קאמיטע פאר די פליטים. ער באמיט זיך, אז יעדער פון זיי זאל האבן א שטיקל דירה, א ביסל א.א. און איז שטענדיק גרייט צו העלפן מיט אן עצה און צו אינטערווענירן ביי דער ארטיקער מאכט פאר יעדן איינעם.

אין אקטאבער 1940 קומט דאדע צוריק פון פראנקרייך. צו יענער צייט האט דער דייטשער אקופאנט פאלקלירט די עקזיסטענץ פון א יידישער געמיינדע, ווי א רעליגיעזע קערפערשאפט פאר יידן. אבער אינטערן דעקמאנטל פון דער אזוי צו זאגן לעגאלער אינסטיטוציע, ווערט געפירט אן אינטענסיווע קולטורעלע און געזעלשאפטלעכע טעטיקייט פארן ישוב. דאדע ווערט באלד געשטעלט

סוף 1942, בעת עס הייבן זיך אן די ראציעס אויף יידן און די יידיש-געזעלשאפטלעכע ארבעט ווערט געשטערט דורך די נאצי פארפאלגונגען, ווערט ד. טראצקי רעדאקטאר פון אומלעגאלן „פלאמבא", א פראנצויזיש-יידישע אויסגאבע. אינעם דער [illegible] פון דער ס.ד.ז. [illegible] פאר יידישער פארטיזאנען. ער אליין באטייליקט זיך אקטיוו אין דער דאזיקער צייטונג דורך א רייע זער געלונגענע און אינטערעסאנטע ארטיקלען. ער שטעלט אויך צו דער דיספאזיציע זיין דירה פאר דער אומלעגאלער ארבעט. ביי אים קומען פאר זיצונגען פון דער ס.ד.ז. פון פארטיי-קאמיטעט [illegible] 1943 איז דאדע מיטגליד פון דעם פועלי-ציון צענטראל-קאמיטעט. פון [illegible] דירה, גלייכצייטיק דינט זיין דירה פאר א [illegible] פון אומלעגאלער ליטעראטור און פאלשע פאפירן. ביי אים ווערט געדריבן און געצייגט אויסער „פלאמבא" די צייטונגען „אונזער ווארט" און „פלאמבא".

ביזן אנהייב 1944 איז זיין דירה געווען די צענטראלע פון אינטערנאציאנאלער ווידער־שטאנד ארבעט.

אין דער נאכט פון ניסן טעבריואר, האבן די געסטאפא-לייט זיך ארײַנגעריסן ביי אים אין הויז, גענומען א שטרענגע רעוויזיע און געפינענדיק פארשידענע אומלעגאלע מאטע־ריאלן און דאקומענטן איז באפרעגלעך גע־שלאגן און אפגעפירט אין טריפאריק-קאזארמען. געסטאפא-קעלער אויף אייגני לואיז. דארט ווערט ער שטארק געפייניקט. געפראגט מיט מארטירן אין דעם טרייבריקן קאנצענטראציע־לאגער ברענדאנק. און דאך פאראט ער מיט קיין איין ווארט ניט זיינע חברים און מיטארבעטער.

נאך דער אויספארשונג ווערט ער אפגע־שיקט אין לאגער פון מאלין, ער ווערט פארמאכט אין אן איינצל-קאמער. אינעם א

דורך דעם פאלעסטינער אויסטויש-טראנס־פּאָרט קומט ער אויס. ער איז דער ארגאניזאציע אפצו־שטעלן זיין דעפארטאציע און ענדלעך דעם ע׳טן יוני ווערט ער באפרייט.

ווי נאר ער קומט צוריק קיין בריסל, וואַרפט ער זיך מיט ברען אין דער אומלע־גאלער ארבעט און ווערט דעם 12׳טן יולי (הכב. שוין א „געזוכטער") דורך די יאס־לעקטינער פארינרן, ווידער ארעסטירט צוליב זיינע פאליטישע „חטאים".

דעם 3׳טן אויגוסט 1944 ווערט ער דע־פארטירט. און זיין קארטל, וואס ער וואַרפט ארויס פון דעפארטאציע-צוג, שרייבט ער: „יאך פאר מיט א הויך-געהויבענעם קאפ".

און דא הייבט זיך טראפ אן דער מאר־טירער-וועג פון דאדע טראצקי. צוגלייך מיט צענדליקער טויזנטער יידישע דעפארטירטע פון בעלגיע און מיט מיליאנען אנדערע יי־דישע קרבנות מאכט ער אדורך די גיהנום פון אוישוויץ, מאוטהאוזן און עבענזע.

איינגאנגען אין אויסגעמאטערטער פון הונ־גער, קלעפ און שווערער ארבעט איז דאדע א פארארטיילטער...

און אין דער נאכט פון 20׳טן אויפן 21׳טן מערץ 1945 איז ער אין לאגער פון עבענזע, ווייט פון זיין משפחה, פון זיינע פריינד און חברים, אן עלנטער, א דערשטיקטער אויס־געגאנגען אויף תמיד.

כבוד זיין אנדענק!

קויפט דעם שקל!!!

איינער פון די אקטיווסטע חברים אין דער באראכאוו-יוגנט פון בריסל. עס דויערט ניט לאנג און חבר מאיר שטייט שוין אין דער שפיץ פון דער יוגנט-אָנפירונג. ביי 21 יאר ווערט ער אויסגעצויגן דורך דער פאר־טיי. ווייענדיק א ליבהאבער פון ספארט, ווערט ער איינער פון די גרינדער פון יי־דישן ספארט-קלוב „שטערן" און דערפירט די ארגאניזאציע צו דער מדרגה פון שטארק־סטען יידישן ספארט-קלוב אין בריסל.

1935 ווערט חבר מאיר געוויילט אין פארטיי-קאמיטעט, ווו ער נעמט איבער פאר־אנטווארטלעכע פארטייאישע ארבעטן און פירט זיי אויס מיט דער פולער אחריות.

עס ברעכט אויס די מלחמה און אין 1940 ווערט ח' מאיר איינער פון די גרינ־דער פון דער אזוי באליבטער ארגאניזאציע פון אונזער ישוב, די „קאנגרעגיישאנ-הילף". ווי ער וואַרפט זיך מיט דער גאנצער ענער־גיע צו העלפן צוריקגעקומענע יידן פון פראנקרייך. אין 1942, ווען די היטלער־געזעצן הייבן אן צו בושטעווען אויף דער יידישער גאס, ווערט חבר מאיר איינער פון די אקטיווסטע יידישע רעזיסטאנסן. אין קאנטאקט מיט אנגעוועהנדע פערזענלעכקייטן פון דער בעלגישער רעזיסטאנס-באוועגונג ווערט ער באשטימט דורכן פארטיי-קאמיטעט צו פירן אינטערהאנדלונגען, בכדי אנצושליסן א גרויסע פון אונזערע חברים אין דער פארטיזאנער באוועגונג.

ענדע 1942, ווייענדיק אין גאס אין א פארטיי-שליחות, טרעפט ער אן א גרויסע אבלאווע. ניט וועלנדיק ארײַנפאלן אין די נאצי-הענט באמיט זיך דער חבר ארויסצו־דרייען, אבער איינער פון די סיס-לייט האט אים באמערקט.

דער חבר באזאלט דאן מיט שווערע קלעפ און ווערט געשיקט אין מאלינער לא־גער. דארט פלאנט ער און ארגאניזירט דאס

לונגען. ביי א צווייטן הונדערטס יידן באפרייען זיך אראנק דעם חבר מאירס ענערגיע. מחמת די וואונדן פון שלעכט פאלן ביים שפרונגען מוז ער בלייבן עטלעכע טעג אין שטוב קוים זיך א ביסל פאראיילט. שטייט ער שוין ווידער ביי אקטיווער רעזיסטאנס-ארבעט. וייענדיק דער פאראנטווארטלעכער פאר דער אומלעגאלער פרעסע ביי אונזער פארטיי — לייגן זייער אפט הונדערטער עקזעמפלארן פון „ליבער-בעלגיק", „פלאמבא", „פראן", „אונזער ווארט", „פרייע געדאנקען" (אומלע־גאלע אויסגאבע פון לינקע פועלי-ציון אין דער פלעמישער שפראך).

און ווידער אמאל מיט א קורצער צייט שפעטער ווערט אונזער ליבער מאיר גע־כאפט. ווידער אמאל וויל דער חבר אנטלויפן. אבער עס געלונגט אים ניט. דאס מאל קומט ער קיין מאלין אויף א פאלשן נאמען.

מיטן 22׳טן טראנספארט ווערט חבר מאיר ווידער דעפארטירט, און נאכאמאל שפרינגט ער פון באן!

צוריקקומענדיק קיין בריסל ראטן אים חברים צו בלייבן אין שטוב. אבער, חבר מאיר קאן זיך ניט דערלויבן אויף אזא לוקסוס. מען מוז ראטעווען יידישע קינדער, יידישע פאמיליעס. און אט איז ער ווי־דער אין פארטיי-שליחות. דאס מאל ביי קלעבן לאזונגען קענען אקופאנטן מיט אים איבעריסן צי דער בעלגישער באפעלקערונג צו העלפן יידן. יאס שטייען מיט ווי אין קאמף קעגן געמיינזאמען שונא. ווי צוזרידן איז ער געווען ווען ער האט אויף ציבאר־נעמט געזען באקלעבט די ווענט מיט קליינע בלעטלעך אין בעלגישע בענסן לייענען זיי.

ערשטער דעצעמבער 1943. חבר מאיר איז פארגיסן ביים מאכן פעקלעך נאשווארג פאר די יידישע אייסבאהאלטענע קינדערלעך, זיי זענען דאך צוזאמען מיט די בעלגישע קינדער. זאלן זיי זיך אויך פרייען מיט א סעמ-ניקלאס געשאנק. אבער די געסטאפא האט איבערגעכאפט זיין ווונדערבארע ארבעט. דאס מאל האבן די מאלינער געסטאפא-לייט אים דערקענט. ער געהערט צו די געשפרונגענע. מיט א רייען, באנד אויפן ארעם ווערט אונזער אומפארגעסלעכער ח' מאיר טאבאק־מאן דעפארטירט צום אומקום.

כבוד זיין אנדענק!

המשך אויף זייט 3)

אלע חברים און פריינד קומען שבת, דעם 21׳טן יוני, ראלב 9 אווגט אין זאל די בארא, 43, באערן אונזערע אומגעקומענע חברים

פאַר
טראָצקי דוד
פאַר זיינע פאַרדינסטן
אין דער אונטערגרונט־
אַרבעט
„קעגנזייטיקע הילף"
מיט אָנערקענונג
1940—1944

צווייטע זייט פון מעדאַל

ROYAUME DE BELGIQUE

Le Ministre de la Défense Nationale a l'honneur de faire savoir

que, par arrêté royal du 19 juin 1956, n° 4777,

LA CROIX DE CHEVALIER DE L'ORDRE DE LEOPOLD II AVEC PALME
et attribution de la CROIX DE GUERRE 1940 AVEC PALME
et la MEDAILLE DE LA RESISTANCE

ont été décernées, à titre posthume,

à la date du 8 avril 1945,

à Monsieur T R O C K I - M U S N I C K I, David,

pour :

"Membre du Mouvement National belge, actif et courageux. Fournit des fausses cartes d'identité, diffusa des tracts et des journaux clandestins. Arrêté en raison de son activité patriotique et déporté en Allemagne, y mourut à MAUTHAUSEN, le 20 mars 1945."

50071. - 4.000 ex.

קעניגרייך בעלגיע

דער מיניסטער פאַר נאַציאָנאַלער פאַרטיידיקונג האָט דעם כבוד מיטצוטיילן

אַז דורך דער קעניגלעכער פאַראָרדענונג פון 19טן יוני 1956, נומ׳ 4777

איז דער ריטער־קרייץ פון אָרדען פון לעאָפּאָלד II
מיט אַ פּאַלמע, ווי אויך די מלחמה־אויסצייכענונג פון
1940 מיט אַ פּאַלמע, און דער מעדאַל פאַר רעזיסטאַנס

צוגעטיילט נאָך זיין טויט אין דער דאַטע פון 8טן אַפּריל 1945

דעם הער דוד טראַצקי־מוסניצקי

פאַר:

„אַקטיוון און מוטיקן אָנטייל אין דער בעלגישער נאַציאָנאַלער באַוועגונג; באַזאָרגן פאַלשע פּאַפּירן; פאַרשפּרייטן אומלעגאַלע אויפרופן און צייטונגען. אַרעסטירט פאַר זיין פּאַטריאָטישער אַקטיוויטעט און דעפּאָרטירט קיין דייטשלאַנד, אומגעקומען אין מאַוטהאַוזען דעם 20סטן מערץ 1945.״

אַרכיוו פון יידישן יישוב אין בעלגיע צווישן די צוויי וועלט־מלחמות

דאָס לעבנסווערק פון דוד טראַצקי ע״ה איז אַריין אין ייוואָ

מיר האָבן שוין מודיע געווען בקיצור, אַז אין ייוואָ איז אָנגעקומען דער אַרכיוו פון דוד טראַצקי ע״ה פון בעלגיע. דער אַרכיוו באַשטייט פון אַ סך טויזנטער דאָקומענטן און איז די רייכסטע און פולסטע קאָלעקציע פון מאַטעריאַלן צו דער געשיכטע פון יידישן אימיגראַנטישן יישוב אין בעלגיע צווישן די יאָרן 1915—1939. דעם אַרכיוו האָבן מיר צו פאַרדאַנקען טראַצקיס פרוי פוילינאַ און זיין שוואָגער פ׳ אַ. ווערבער, ווי אויך פ׳ ה. רוסאַק אין בריסל.

דוד טראַצקי איז געבוירן געוואָרן אין ווילנע אין 1904. ער האָט פאַרענדיקט די יידישע רעאַל־גימנאַזיע אין ווילנע און איז געוואָרן אַ יידישער לערער אין ברעסלאַוו און אַ טוער ביי די פועלי־ציון. אין 1924 האָט ער עמיגרירט קיין בעלגיע און האָט דאָרט געענדיקט דעם גענטער פּאָליטעכניקום. אין בעלגיע איז ער געווען זייער טעטיק געזעלשאַפטלעך; גלייכצייטיק האָט ער זיך געשטעלט אין פאַרבינדונג מיטן ייוואָ אין ווילנע, האָט געגרינדעט די געזעלשאַפט פריינד פון ייוואָ אין בעלגיע און איז געווען איר טעטיקסטער מיטגליד.

בעת דער דייטשער אָקופּאַציע אין בעלגיע איז טראַצקי אַ קורצע צייט געווען אַקטיוו אין דער לעגאַלער און אומלעגאַלער יידישער אַרבעט. דעם 3טן פעברואַר 1940 ווערט ער אַרעסטירט; נאָך אַ באַפרייונג ווערט ער ווידער אַ מאָל טעטיק אומלעגאַל, און דעם 12טן יולי ווערט ער צוריק אַרעסטירט דורך דער געשטאַפּאָ. דעם 3טן אויגוסט 1944 איז ער דעפּאָרטירט געוואָרן; אין דער נאַכט פון 20סטן אויפן 21סטן מאַרץ 1945 איז ער אין לאַגער עבענזע אויסגעגאַנגען.

זיין גאַנץ לעבן אין בעלגיע האָט זיך טראַצקי סיסטעמאַטיש פאַרנומען מיט קלייבן דאָקומענטן און מאַטעריאַלן וועגן דאָרטיקן יידישן לעבן. אין זיין אַרכיוו געפינען זיך טויזנטער דרוקזאַכן, אַפישן, פּלאַקאַטן, ביולעטינען, מודעות, פּראָטאָקאָלן, מאַנוסקריפּטן און צייטשריפטן פון אַלע יידישע פּאַרטייען און יוגנט־אָרגאַניזאַציעס (פועלי־ציון, בונד, אַלגעמיינע ציוניסטן, אַחדות ישראל, השומר הצעיר, דרור, יוגנטבונד „צוקונפט״ א״אַנד); ווירטשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס (יידישער האַנטווערקער־פאַראיין, שניידער־מייסטער־פאַראיין, פאַראיין פון יידישע מאַרקהענדלערס, פאַראיין פון בייטל־מאַכערס, פעדעראַציע פון יידישע סינדיקאַטן אין בריסל, קאָמיטעט פון עקאָנאָמישער אַקציע אד״גל); קולטור־אינסטיטוציעס (געזעלשאַפט פריינד פון ייוואָ, יידישער פאָלקסקלוב, מעדעם־קלוב, יידישער דראַמאַטישער קרייז, יידישע קולטור־און קונסט־געזעלשאַפט, שלום־עליכם־פאָלקסביבליאָטעק, געזעלשאַפט „שול און דערציִונג״, געז׳ „קינדערפריינד״, צוגאַבשולן ביים האַנטווערקער־פאַראיין); אַלגעמיינע אינסטיטוציעס (קרן היסוד, ראָט. פון יידישע אָרגאַניזאַציעס אין בריסל, באָיקאָט־קאָמיטעט קעגן נאַצידייטשלאַנד, הילף־קאָמיטעט פאַר שפּאַניע, חסד של אמת א״אַנד).

דער ייוואָ דריקט אויס אָנערקענונג און דאַנק דער פאַמיליע פון דוד טראַצקי ע״ה, וואָס האָט אויף זיך גענומען די מיפּולע אַרבעט אָפּצוהיטן דעם ביז גאָר וויכטיקן אַרכיוו אין משך פון דער גאַנצער צייט פון דער דייטשער אָקופּאַציע און מיט דעם אָפּגעראַטעוועט פון פאַרניכטונג אַ וויכטיקן יידישן קולטור־אוצר.

די טראצקי־זאמלונג פון בעלגיע געווארן קאטאלאגירט

די גרויסע קאלעקציע צו דער געשיכטע פון יידישן אימיגראנטישן ישוב אין בעלגיע אויפן נאמען פון דוד טראצקי ע״ה איז שוין געווארן קאטאלאגירט פון ז. שייקאווסקי, וויסנשאפטלעכער מיטארבעטער פון ייווא. די קאלעקציע באשטייט פון 3.498 דאקומענטן איינגעטיילט אין זעכציק גרופעס. די קאלעקציע נעמט ארום אלע געביטן פון געזעלשאפט־לעכן, גייסטיקן און ווירטשאפטלעכן לעבן פון יידן אין בעלגיע צווישן די צוויי וועלט־מלחמות.

די מאטעריאלן זענען פון די פאליטישע ארגאניזאציעס: אלגעמיין־ציוניסטישע, פועלי־ציוניסטישע, השומר־הצעיר א״אנד; בונדישע ארגאניזאציעס, קאמוניסטישע ארגאניזאציעס, אגודת ישראל א״אנד; ארגאניזאציעס ווי קרן־היסוד, פאטראנאטן, געזערד, חברה יסודי תורה. פאראן אויך א סך מאטעריאלן פון פראפעסיאנעלע ארבעטער־פאראיינען און פון פאראיינען פון יידישע האנטווערקערס און קליינהענדלערס.

די מאטעריאלן וועגן קולטור לעבן ווייזן אויך א פארצווייגטע ארגאניזירטקייט: שולן (יידישע און העברעישע), פאלקסקלובן, ביבליאטעקן, ספארטקלובן, טעאטער, כארן, יידישע סטודענטן־ארגאניזאציעס, ליטעראטן־פאראיין, ליבהאבערס פון יידישער קונסט און א סך אנדערע.

דאס רעליגיעזע לעבן איז אפגעשפיגלט אין מאטעריאלן וואס זענען נוגע ישיבות, קאנסיסטאריע און ראבינאט, בתי־מדרשים, מנינים און פארשידענע רעליגיעזע חברות און טראדיציאנעלע הילפס־חברות (בית־לחם, עזרה אד״גל).

פאראן אויך א סך מאטעריאלן און אומפארטייאישע אדער צווישנפארטייאישע ארגאניזאציעס ווי: ראט פון יידישע ארגאניזאציעס, פארבאנד פון פוילישע יידן, פארבאנד פון רוסישע יידן, ליגע קעגן אנטיסעמיטיזם, ארגאניזאציע צו העלפן פליטים פון נאצי־דייטשלאנד, ארגאניזאציע פאר באיקאט קעגן דייטשלאנד, ציישונגס־אויסשניטן, אנטיסעמיטישע מאטעריאלן און א סך אנדערע. אחוץ דעם איז פאראן א רייכע קאלעקציע ציישונגען און ביכער.

דוד טראצקי, געבוירן אין 1904, האט פארענדיקט די יידישע רעאל־גימנאזיע אין ווילנע און האט זיך צו צוואנציק יאר באזעצט אין בעלגיע. ער איז דעפארטירט געווארן פון די דייטשן און איז אויסגעגאנגען אין א דייטשן שקלאפן־לאגער דעם 21־טן מערץ 1945. די גרויסע זאמלונג, וואס ער האט מיט אזא ליבשאפט צונויפגעשטעלט און וואס זיין משפחה האט מיט אזוי פיל איבערגעגעבנקייט אפגעראטעוועט און איבערגעשיקט אין ייווא, איז גאר א וויכטיקער מקור צו דער געשיכטע פון יידישן ישוב אין בעלגיע צווישן די צוויי וועלט־מלחמות.

(ייווא־בלעטער)

צוואַנציק פרילינגען

און נאָך אַ פרילינג, איך צייל זיי — צוואַנציק
פון דיינע יאָרן — צוואַנציק טויטן,
נאָר עס ווייסן נישט דערפון די קנאָספּן,
זיי רייפן גלאַנציק
פון די צעגרינטע הויטן.
און ווידער — אינעם זונבלענד וואָרעם
ציטערן און מיניען בליטן,
און איך — אין ניט־אויסגעוויינטע צערן
אויף דיינע צוואַנציק פרילינגען פאַרשניטן.
ווער ווייס דעם סוד פון לעצטער רגע,
ווען פייער האָט דיין אויג פאַרלאָשן,
יעדן פרילינג הער איך אַ געיאָמער
אין געוויג פון גראָזן.

*

קנאָכיק־שטאַרע פינגער
האָבן אָנגעקלאַפּט אין שויב,
און מיר געוויזן — גיי!
און אָט — איך גיי,
איך גיי נאָך דיין לוויה,
דו — דער בר־מינן,
וואָס פירט צו קבורה זיך אַליין.
און דיך באַגלייטן —
איך, חמסין, און אַ געוויין.

אַרום אונדז צוויטיקט פרילינג,
נאָר דו, אין שוואַרצן טוך,
קערסט זיך פּלוצעם אום צו מיר,
און ווײ איז מיר! —
דײַן פּנים — אויסגעפּליקט, צעריסן,
די אויגן — תהום
און פון דײַן מויל דעם אויסגעקרימטן
אַ כריפּענדיקער קול:
שוין יאָרן־לאַנג אַזוי,
ווי כ׳וואָגל אין דער פרעמד,
שוין יאָרן ווי דאָס בלוט
אין מײַנע ווונדן ברענט,
און די ערד,
וואָס מיליאָנען גופים האָט פאַרצערט,
זי וויל מײַן בלאָנקענדיקן גוף
נישט אויפמאַכן אַ שפּאַרע פון איר גבול — — —
האָב איך דערוואָגלט דאָ אַהער,
אַז אײגן זאָל מיר זײַן די ערד,
און געבן רו.
צו מיר וועסטו קומען,
און פון דער ערד,
דורך בלוט מײַנעם גענערט,
אויפגײן וועלן בלומען,
און דו וועסט פלעכטן קרענץ פון זײ
אין ווײ.

שלום בן חיים
טרוצקי
תנצבה
דוד בן שלום
טרוצקי

אַרטיקלען פון דוד טראָצקי

פאַרעפנטלעכטע אין דער יידישער פרעסע
פון בעלגיע, אַ טייל אונטער פסעוודאָנימען:
ד. פאָלינין, ד. וואָלפערט, ד. ווילענסקי.

די פלעמישע באַוועגונג

די פלעמישע באַוועגונג, וועגן וועלכער עס ווערט איצט אַזוי פיל גע־רעדט אין דער בירגערלעכער ליבעראַלער פּרעסע, איז שוין זייער אַן אַלטע. שוין באַלד נאָך דער קינסטלעכער אַנטשטייונג פון בעלגיע איז געבליבן אַן אומצופרידנקייט צווישן דער 4 מיליאָניקער פלעמישער באַפעלקערונג קעגן די וואַלאָנישע שותפים. בעלגיע, פראַנקרייכס בן־זקונים, איז אַנטשטאַנען אין 1830סטן יאָר נאָך אַ „רעוואָלוציע" פון בראַבאַנט קעגן האָלאַנד. פראַנקרייך, וועלכע האָט זיך געוואָלט באַשיצן קעגן יעדן דייטשן אָדער, בעסער געזאָגט, גערמאַנישן איינפלוס, האָט זיך אָפּגעצאַמט מיט אַ קינסטלעכער וואַנט, צונויפ־פאַרנדיק צוויי פאַרשיידענע פעלקער, די פלעמער מיט די וואַלאָנער, געבנדיק די וואַלאָנער די אויבערהאַנט אין דער ניי־געשאַפענער מלוכה.

די איבערקערעניש אין 1830 איז געווען דירעקט אינספּירירט דורך פראַנקרייך, אָנפירנדיק זי מיליטעריש, ביז צו דער צוגרייטונג פון אַ מלוכה־פאָרעם. פון דאַנען איז קלאָר די ברייטהאַרציקע ליבשאַפט פון די וואַלאָנער צו די פראַנצויזן, וואָס דריקט זיך אָפּ מאָל אויס ביז דער גרייטקייט פון אַ פול־קאָמער פאַראייניקונג פון בעלגיע מיט פראַנקרייך.

שוין אויפן ערשטן נאַציאָנאַלן קאָנגרעס אין 1831סטן יאָר זענען די וואַלאָנער אַרויסגעטראָטן מיט פּראָיעקטן וועגן אַ פאַראייניקונג. „דאָס זענען נישט עטלעכע איינווינער, וואָס פאָדערן אַ פאַראייניקונג מיט פראַנקרייך, נאָר די באַפעלקערונג אין גאַנצן". אַזוי האָט דאָס געמאָלדן דער וואַלאָנישער פאָר־שטייער ש. דע ברוקער.

אָבער פראַנקרייך איז דעמאָלט נישט געווען פאַראינטערעסירט אין וואַ־לאָניע, נאָר פאַרקערט, געזוכט נישט מער ווי אַ שטאַרקן בונד מיט איר קעגן דער גערמאַנישער פלאַנדריע, אויסנוצנדיק די שפּראַכלעכע קרובהשאַפט פאַר אַן אָפּזאַץ־מאַרק פון דער פראַנצויזישער קולטור. אויף אַזאַ אופן האָט זיך די וואַ־לאָנישע פּאָליטיק אויסגעדריקט אין באַהערשן פלאַנדריע, אויסנוצנדיק די גע־מיינזאַמקייט אין דער מלוכהשאַפט. די וואַלאָנער פאַרכאַפּן דעם גאַנצן מלוכה־

אַפּאַראַט, איזאָלירן די פלעמער פון געריכט, מיליטער און שול־וועזן, פאַר־פעסטיקן די פראַנצויזישע שפּראַך, אַרויסשטופּנדיק פלעמיש פון שול און אוני־ווערסיטעט. און שוין ביים ערשטן יובל פון בעלגיעס אומאָפּהענגיקייט, אין 1855, רייסט זיך דורך די שטים פון באַגרינדער פון דער פלעמישער באַוועגונג, יאַן וואַן רייסוויק, וועלכער זאָגט: „25 יאָר בעלגיע זענען 25 יאָר אונטערדריקונג פון פלאַנדריע. זייט 25 יאָר זענען די פלעמער פאַרפרעמדט אויפן אייגענעם באָדן".

די אונטערדריקונג פון דער פלעמישער מערהייט איז געגאַנגען אין צוויי שטראָמען: 1) אין אַ קולטורעלער נעגאַציע און 2) אין אַ פּאָליטישער איזאָלירונג.

די קולטורעלע נעגאַציע

זי האָט זיך אויסגעדריקט, הויפּטזעכלעך, אין פאַרניכטן די פלעמישע שפּראַך און קולטור אינעם טאָג־טעגלעכן לעבן און אַריינשרויפן די פרעמדע פראַנצויזישע שפּראַך, אויסנוצנדיק דאָס, וואָס נאָך ביז היינט רעדט דאָס פלעמישע פאָלק אין עטלעכע פּראָווינצן פאַרשיידענע דיאַלעקטן. אין דעם פּרט איז פלעמיש ענלעך צו יידיש, אויך דאָ האָט מען געוואָלט איינטענהן, אַז פלעמיש איז עפּעס אַ מין „זשאַרגאָן", וואָס אויסער די גרענעצן פון גענט און בריזש איז ער נישט פאַרשטענדלעך. די אַלטע זאָגעכצן פון די אַסימילאַטאָרן פון אַלע לענדער, וועלכע באַנוצן דעם מיטל פון אַנטקעגנשטעלן די גרויסקייט פון אַן אוניווערסאַלער שפּראַך דער מוטער־שפּראַך.

אין דער ערשטער ריי איז געגאַנגען דער קאַמף מיט פלעמיש אין דער שול. צוליב דעם זענען די באַדייטנדע מערהייט שולן אין די פלעמישע פּראָווינצן, ווי מזרח־פלאַנדריע, מערב־פלאַנדריע, לימבורג און בראַבאַנט געווען פראַנצויזישע. אויסער דעם איז זייער צאָל, פּראָפּאָרציאָנעל צו דער באַפעל־קערונג, געווען קלענער ווי אין וואַלאָנישע פּראָווינצן פון הענאָט און נאַמיר. אַזוי זעט מען דאָס פאָלגנדע בילד: אין 1914, אין מזרח־פלאַנדריע — 1 שול אויף 143 קינדער, אין אַנטווערפּן — 1 שול אויף 197 קינדער, אין דער זעלבער צייט, ווען אין די וואַלאָנישע פּראָווינצן, ווי נאַמיר — 1 שול אויף 53 קינדער, אין הענאָט 1 שול אויף 87 קינדער.

אין בריסעל, וווּ די קינדער רעדן נאָך היינט מערסטנס פלעמיש, זענען אין 1913טן יאָר געווען 24 פלעמישע קלאַסן און 347 פראַנצויזישע. אין 1925 ווערט אָפּגעשאַפן דער לעצטער פלעמישער קלאַס אין די בריסעלער

פאָלקסשולן. עס איז אַ פאַקט, וואָס דער דעפּוטאַט דאַנסאַרט דערציילט, אַז „די בריסעלער קינדער לייענען פראַנצויזיש און קענען נישט רעדן, זיי רעדן פלע־מיש און קענען נישט לייענען”. די פאַרפרעמדקייט און אָפּגעריסנקייט פון דער מוטער־שפּראַך האָט געבראַכט דערצו, אַז 85 פּראָצענט פון די פלעמישע שול־קינדער אין די פראַנצויזישע שולן זענען אומנאָרמאַלע.

אויפן געביט פון דער מיטלשול־בילדונג איז די לאַגע נישט בעסער. אַזוי איז די צאָל אינדוסטריעלע (פאַך) שולן אין דער וואַלאָנישער פּראָווינץ העכער 6 מאָל גרעסער ווי אין מזרח־פלאַנדריע און אַנטווערפּן צוזאַמען גענומען.

אויסוואָרצלענדיק פלעמיש פון דער פאָלקסשול איז גאָרנישט געוועז קיין רייד פון פלעמיש אין דער הויכשול. אין די ביידע אוניווערסיטעטן פון גענט און ליעזש איז די אונטעררריכט־שפּראַך געוועזן (און זי איז נאָך ביז איצט) פראַנ־צויזיש. און נישט אומזיסט שרייבט דער נאָרוועגישער דיכטער ביערן־ביערנ־סאָן: „ווי איז מעגלעך, אַז אין מיטל־אייראָפּע לעבט אַ פאָלק מיט אַן אַלטער קולטור, מיט אַזאַ הערלעכער שפּראַך און איז פאַרמשפּט אויף אַ לאַנגזאַמען אונטערגאַנג דורך די שונאים פון דער אייגענער מלוכה. אַ פאָלק פון 4 מיליאָן מענטשן אָן אַן אוניווערסיטעט”.

דאָס לאַנדווירטשאַפטלעכע פלאַנדריע האָט ביז דאָ נישט לאַנג, נישט געהאָט קיין שול פאַר לאַנדווירטשאַפט. די איינציקע מלוכה־שול פאַר לאַנד־ווירטשאַפט געפינט זיך אין דער ווייניק לאַנדווירטשאַפטלעכער וואַלאָנישער פּראָווינץ, אין זשאַמבלו (נאַמיר).

דאָס איז דער סך־הכל פון דער דערציונג פון דער פלעמישער באַפעל־קערונג פאַר דער מלחמה. אָבער אויך נאָך דער מלחמה איז די לאַגע נישט פיל געוואָרן בעסער. די פלעמישע באַוועגונג, וועלכע האָט זיך שטאַרק פונאַנ־דערגעוואַקסן אין דער צייט פון דער מלחמה, האָט אויסגענוצט די דייטשע אָקופּאַציע אויף אַראָפּוואַרפן פון זיך די פרעמדע פראַנצויזישע שול און געעפנט און פאַרשפּרייט אַ ברייטע שול־נעץ אין דער מוטער־שפּראַך. זיי זענען גע־גאַנגען נאָך ווייטער און אַריבערגעפירט דעם גענטער אוניווערסיטעט אין פלעמיש. די נייע פלעמישע שול־נעץ איז געוואָרן אַ ווירקנדיקער פאַקטאָר נאָך דער מלחמה און די פראַנקאָפילישע ליבעראַלע רעגירונג האָט זיך מיט דעם געמוזט רעכענען.

אין 1923 האָבן זיך די פלעמער דערשלאָגן דערצו, אַז עטלעכע פאַ־קולטעטן פון גענטער אוניווערסיטעט זאָלן אַריבער אין פלעמיש. די פלעמישע

באַוועגונג וואָלט נישט געווען אַזוי אינטערעסאַנט, ווען זי וואָלט געטראָגן נישט מער ווי אַ קולטוריסטישן כאַראַקטער. זי וואָלט זיך דעמאָלט פאַרוואַנדלט אין אַ שפּראַכן־קאַמף. בלי ספק שפּילט די שפּראַך די דאָמינירנדיקע ראָל אין פּאָליטישן לעבן, אָבער זיך אָפּגרענצן מיט עטלעכע דערגרייכונגען אויפן געביט פון דער שול וואָלט געהייסן נישט מער, ווי אַ צייטווייליקע פאַרהיילונג פון די עוולות, וועלכע זענען אָפּגעטאָן געוואָרן אין משך פון 100 יאָר. דערפאַר איז טאַקע די קולטוריסטישע ריכטונג דער שוואַכסטער רינג אין דער קייט פון דער פלעמישער באַוועגונג.

די פּאָליטישע איזאָלאַציע

זי האָט זיך אויסגעדריקט אין נישט צולאָזן די פלעמער אין אַלע פאָרמען פון מלוכה־לעבן. אין די אַלע מיניסטעריומס זענען די באַאַמטע געווילט געוואָרן מערסטן טייל פון דער וואַלאָנישער באַפעלקערונג. די ריכטער זענען געווען וואַלאָנער, און נישט איין מאָל האָט געטראָפן, אַז פאַרמשפּטע פלעמער פלעגן נישט וויסן זייער אורטייל. די מיליטערישע מאַכט איז געלעגן אין די הענט פון די וואַלאָנער. די שפּראַך פון לאַגער איז פראַנצויזיש. מיט איין וואָרט, 4 מיליאָן בירגער אין לאַנד זענען נישט געקומען צום אויסדרוק אינעם פּאָליטישן לעבן. עס איז קיין וווּנדער נישט, וואָס דער קנויל פון אומצופרידנקייט איז געוואַקסן און געפּלונען זיין אויסברוך אין דער צייט פון דער מלחמה.

די פרידלעכע פלעמישע באַפעלקערונג איז גאָרנישט געווען פאַראינטערעסירט אין דער בלוט־באָד. די וואַלאָנער האָבן דעמאָלט געוואָלט ווייזן אַן איבעריקן מאָל זייער איבערגעגעבנקייט צו פראַנקרייך און געליטן פון דער מלחמה האָבן די פלעמער. דאָס וועלן פּטור ווערן פון דער פלעמישער מערהייט האָט זיך צום ציניסטן אויסגעדריקט אינעם שיקן אויפן פראָנט, אין דער ערשטער ריי, פלעמישע סאָלדאַטן. אַזוי שרייבט נייאַריי (אַרויסגעבער פון קאַטולישן „יאָרהונדערט“) אין 1916טן יאָר: „דער ציל פון דער בעלגישער אָפּענסיווע דאַרף זיין, אויסצוקוילן וואָס מער פלעמער, כדי איינצושטעלן אַ כמותדיקן גלייכגעוויכט צווישןביידע ראַסן און אויסראָטן אַלע עלעמענטן, וועלכע קענען אַרויסרופן טומלענישן נאָך דער מלחמה“. פאַקטיש איז געווען אַזאַ לאַגע: אויף 15 מיניסטאָרן 12 וואַלאָנער, פון 15 סאָלדאָטן — 12 פלעמער, און אונטער דר׳ערד — אויף 15 טויטע 13 פלעמער. עס איז פאַרשטענדלעך, אַז ביי אַזאַ פאַרהעלטעניש האָבן די פלעמער, פאַר וועלכע די מלחמה איז געווען

אַן אויפגעצוווּנגענע, פרעמדע זאַך, נישט געוואָלט דעקן מיט זייערע קערפּערס די וואַלאָנישע קאַפּריזן און אָפּמאַכן.

אין דער צייט פון דער אָקופּאַציע ווערט געגרינדעט דער ראַט פון פלאַנדריע, וועלכער האָט פאַר אַ ציל, אָפּצוווענדן די פלעמער פון דער אויפגעצוווּנגענער מלחמה. עס ווערט געוואָרפן דער לאָזונג „פלאַנדריע פאַר פלעמער״. ס'ווערט געגרייט אַ פולשטענדיקע אָפּטיילונג פון פלאַנדריע פון בעלגיע. עס שאַפט זיך די אַזוי גערופענע אַקטיוויסטישע ריכטונג.

נאָך דער מלחמה, ווען די בירגערלעכע פּאַרטייען ליאַרעמען וועגן זאַמלען אַלע אויפבויונגס־כוחות, קלינגט נאָך אַלץ די אַקטיוויסטישע לאָזונג, אַז נאָר דורך צעטיילונג וועט זיך פלאַנדריע ראַטעווען פון פּאָליטישן און קולטורעלן אונטערגאַנג. דער ענטפער פון דער רעגירונג איז געווען פאָלגנדיקער: אין 1919טן יאָר — 771 פאַרמשפּטע און אין 1920 — 1517 פאַרמשפּטע אויף פאַרשיידענע שטראָפן (טויט־שטראָף אויך). 200 סטודענטן איז פאַרווערט געוואָרן פאָרצוזעצן זייער שטודיום, ווייל זיי האָבן געלערנט אין גענטער פלעמישן אוניווערסיטעט אין 18־1916.

איבערן גאַנצן לאַנד הייבט זיך אָן אַ ווילדע אויסראָטונגס־קאַמפּאַניע קעגן די אַקטיוויסטן. אירע אָנגעזעענע טוער, ווי ד״ר באָרמס און וואַן עקסטטערבעס ווערן אַריינגעוואָרפן אין תפיסה. די באַוועגונג ווערט דערקלערט אַלס אומלעגאַלע.

און איצט, נאָך 10 יאָר רעאַקציע קעגן די אַקטיוויסטן, ווערט גערעדט וועגן אַ כלומרשטער „אַמנעסטיע״. אין 1925 מעלדעט דער דעפּוטאַט סטאָף דעקלערק פון דער פּאַרלאַמענט־טריבונע: „עס איז אוממעגלעך פלאַנדריע צו דינען, נישט פאַרראַטנדיק בעלגיע״. יאָ, אַזוי איז עס געווען אין 1916, ווען נאָך אַזעלכע יאָרן פון אונטערדריקונג האָט זיך באַוויזן אַ שטראַל פון באַפרייונג.

די פלעמישע באַוועגונג האָט נאָך אַ סך צו טאָן. דער דורכפאַל אין 1916 האָט באַוויזן דעם אונטערשייד אין באַגריף „פרייע פלאַנדריע״, וואָס עס לייגט אַריין אין דעם דער קולטוריסטישער בירגער און דער פּראָלעטאַריאַט. די פלעמישע באַוועגונג וועט דעמאָלט קומען צו איר ציל, ווען אירע אַוואַנגאַרדפירער וועלן זיין די פלעמישע אַרבעטער און פויערים.

ד. פּאָלינין

„אַרבעטער־וואָרט״, נומ׳ 5,
1טער מאַי 1929

די עקזיסטירנדיקע סינדיקאַטן
און די אויסלענדישע אַרבעטער

די פראַגע פון די אויסלענדישע אַרבעטער, וואָס זענען באַשעפטיקט אין דער בעלגישער אינדוסטריע, איז ביז לעצטנס כמעט נישט געשטאַנען פאַר די סינדיקאַלע אינסטאַנצן. אין בעסטן פאַל, האָט געהערשט אַ גלייכ־גילטיקע באַציונג צו די אויסלענדער, וועלכע זענען איבערגעלאָזט געוואָרן אויפן חסד פון די אונטערנעמער און אויף דער מיאוסטער עקספּלאָאַטאַציע. קיין מאָל האָט די סינדיקאַלע קאָמיסיע נישט געפּרוווט ערנסט צו אָרגאַ־ניזירן דעם אויסלענדישן אַרבעטער און גלייכשטעלן זיינע רעכטן מיט די רעכטן פון דעם בעלגישן אַרבעטער. דערפון — די אָפּגעזונדערטקייט און פאַרפרעמדקייט פון די אויסלענדישע פּראָלעטאַריער, וואָס האָט נאָר בלויז פאַרלייכטערט דעם פּאַטראָנאַט זיין עקספּלאָאַטאַציע־מלאכה. דערהאַלטן אין אַזעלכע באַדינגונגען, איז קיין וווּנדער נישט, וואָס ביים אויסלענדישן אַרבעטער איז אָפּגעטעמפּט געוואָרן זיין ווידערשטאַנדס־קראַפט, פאַרלוירן געוואָרן זיין שלאָג־פעיקייט. פון דער אַנדערער זייט, האָט דאָס גורם געווען אַ רעאַקציע אין די בעלגישע אַרבעטער־רייען: נאָך היינט צו טאָג הערשט ביי אַ גרויסן טייל פון די בעלגישע אַרבעטער אַ ביטול־באַציונג און אַפילו אַ האַס צו דעם אויסלענדער, וואָס איז פאַר זיי דער סינאָנים פון קאָנקורענץ אויפן אַרבעטער־מאַרק, שטרייק־ברעכער, געוויסנלאָזער מענטש און אַזוי ווייטער.

ערשט לעצטנס, אויפן פאָן פון קריזיס און אַרבעטסלאָזיקייט, ווען די געפאַר פון פאַראַרעמונג און עקספּלאָאַטאַציע ווערט שטאַרקער, שווימט אַרויף אויפן סדר־היום פון די סינדיקאַלע קאָנגרעסן די אויסלענדער־פראַגע. ווייל אין פאַרגלייך מיטן אָרטיקן אַרבעטער, איז די פאַרשקלאַפונג פון אויסלענדישן אַ פיל גרעסערע, שטאַרקערע, און, כדי נישט צו דערלאָזן צו אַ צושטאַנד, ווען דער קאַפּיטאַל זאָל זיך קענען באַנוצן מיטן אויסלענדישן אַרבעטער אַלס אַ בייטש קעגן היימישן פּראָלעטאַריאַט, האָבן די סינדיקאַטן געמוזט פאַרנעמען זיך מיט דעם פּראָבלעם.

אָבער אויב די דערמאָנטע פראַגע האָט פון זיך אַליין זיך געשטעלט פאַר די קריסטלעכע און רעפאָרמיסטישע פירער פון די סינדיקאַטן, איז אָבער די לייזונג, וועלכע די דאָזיקע אינסטיטוציעס גיבן פאַר דעם פּראָבלעם,

אַ באַוויז, אַז די עצם באַציונג פון די סינדיקאַטן צום אויסלענדישן אַרבע־טער האָט זיך לגמרי נישט געענדערט. ער בלייבט ווי פריער, איבערגעלאָזן אַליין, אָנגעוויזן אויפן יושר פון פּאַטראָן און אָפּגעריסן פון זיין קלאַסן־אינסטיטוציע — דעם סינדיקאַט.

דער צענטראַלער סינדיקאַט פון די קריסטלעכע קוילן־גרעבער האָט, אויף זיין קאָנגרעס פון 19טן יולי, אין דער פראַגע פון אויסלענדישע אַרבע־טער, אָנגענומען פאָלגנדיקע רעזאָלוציע:

„באַטראַכטנדיק, אַז די קוילן־אינדוסטריע נייטיקט זיך אין אַ צופלוס פון אַרבעטס־הענט און ס'איז אוממעגלעך זיי צו געפינען אין לאַנד גופא, נייטיקט זיך דעריבער די קוילן־אינדוסטריע אין אַ אימיגראַציע פון פרעמדע אַרבעטס־כוחות.

„מען דאַרף אָבער זאָרגן, אַז די דאָזיקע אימיגראַציע זאָל נישט ברענגען קיין שאָדן די איינגעבוירענע אַרבעטס־מענטשן דורך אַרונטעררייסן די לוינען און פאַרערגערן דעם געזונט־מצב פון בעלגישן אַרבעטער און נישט שעדיקן די זיכערקייט פון דער אַרבעט אין די גרובן. זיי זאָלן נישט ווערן קיין פאַקטאָר פון איבערבאַפעלקערונג און פון קיין פאַרקריפּלונג פון די שיינע מנהגים פון די בעלגישע אַרבעטער".

דער לעצטער טייל פון דער דאָזיקער רעזאָלוציע באַווייזט אויף וואָס פאַר אַ ניוואָ ס'שטייט די באַציונג פון די קריסטלעכע סינדיקאַטן צום אויסלענדישן אַרבעטער. עס שמעקט מיט שימל פון מיטלאַלטער און רעאַקציע. די אימיגראַנטן דאַרפן, לויט דער מיינונג פון די פריידיקער פון קריסטלעכער מאָראַל, נישט האָבן די מעגלעכקייט פון אָרגאַניזירן זיך, ווייל „זיי וועלן שעדיקן די גוטע מנהגים פון די בעלגישע אַרבעטער".

אָבער איבערלאָזן דעם אויסלענדישן אַרבעטער אויפן חסד פון די בעלגישע באַזיצער — דאָס איז אין איינקלאַנג מיט די הויכע געבאָטן פון דער קריסטלעכער עטיק.

נאָך אַזאַ „הומאַניטאַרער" רעזאָלוציע, רעקאָמענדירט דער קאָנגרעס דער רעגירונג, צו שאַפן אַ ספּעציעלע קאָמיסיע צו רעגולירן די איינוואַנ־דערונג פון אויסלענדישע אַרבעטער. די דאָזיקע קאָמיסיע דאַרף אויך פעסטשטעלן די צאָל מענטשן, אין וועלכע ס'נייטיקט זיך יעדעס פאַך באַזונדער. „מען זאָל קאַטעגאָריש פאַרווערן יעדע איינוואַנדערונג, ביז די קאָמיסיע וועט עס נישט האָבן באַשטעטיקט, און די רעגירונג דאַרף זאָרגן

פאַר דער באַפרידיקונג פון די רעליגיעזע באַדערפענישן פון די אויסלענ־דישע אַרבעטער".

אַוועקוואַרפנדיק די מליצה הייסט דאָס, אַז מען זאָל אָפּשטעלן די אימיגראַציע און האַלטן אַן אויג אויף די שוין באַשעפטיקטע אויסלענדער אין דער בעלגישער אינדוסטריע, זיי זאָלן נישט מער טאָן ווי „באַפרידיקן זייערע רעליגיעזע באַדערפענישן".

אָט אַזאַ צוגאַנג האָבן עס די קריסטלעכע סינדיקאַטן צו אויסלענדישע אַרבעטער.

ווי זעט עס אויס מיט די סאָציאַל־רעפאָרמיסטישע סינדיקאַטן ? אויך זיי, הגם זיי פּרעטענדירן אויף אינטערנאַציאָנאַליזם, זענען אין דער דאָזיקער פראַגע נישט ווייט אַוועק פון זייערע קלעריקאַלע קאָלעגן. אויף דער זיצונג פון דער סינדיקאַלער קאָמיסיע פון 30סטן סעפּטעמבער איז אָנגענומען געוואָרן אַזאַ רעזאָלוציע :

„שאַפן תיכף אַ פּאַריטעטע קאָמיסיע (פון אַרבעטער און אַרבעט־געבער), כדי צו קאָנטראָלירן די איינוואַנדערונג פון אויסלענדישע אַרבעטער אין לאַנד". ווייזט אויס, די רעפאָרמיסטישע פירער האָבן פאַרגעסן, וואָס הייסט אַ פּאַריטעטע קאָמיסיע פאַר אויסלענדישע אַרבעטער. אַזאַ קאָמיסיע איז שוין באַשאַפן געוואָרן מיטן צוועק צו ווערבירן אויסלענדער פאַר די בעלגישע קוילן־גרובן און מעטאַלורגישע פאַבריקן, וועלכע האָט געליווערט דעם פּאַטראָנאַט ביליקע אַרבעטס־הענט און דורך קאָנטראַקטן און אַנדערע שווינדלערישע מיטלען אויף יאָרן צוגעבונדן דעם אויסלענדישן אַרבעטער צום אַרבעטס־פּלאַץ. די טרויעריק־באַרימטע קאַנטינעס, וווּ ס'ווערן ווי בהמות אויפגעהאַלטן און דערצויגן טויזנטער אַרבעט־זוכער פון אויסלאַנד, דאָס זענען דאָך פּירות פון אַזעלכע קאָמיסיעס, און די שענקן און די קנייפּעס, אויף וועלכע עס לעבן זיך אויס די פאַרוואָרפענע אויסלענדישע פּראָלעטאַריער ? ! — אַרויסצוררייסן זיי פון דאָרטן, אָרגאַניזירן זיי, וועגן דעם האָבן די רעפאָרמיסטן, כידוע, קיין מאָל נישט געטראַכט. די פאַר־שיידענע „רעגולירונגס"־קאָמיסיעס וועלן מער נישט פאַרזעצן ווייטער די זעלבע אַרבעט, וואָס די פריערדיקע ווערבירונגס־קאָמיסיע. דער אויסלענ־דישער אַרבעטער וועט ווייטער בלייבן אַ פרעמדער פאַר דער אָרטיקער אַרבעטערשאַפט. שטייט טאַקע פאַר זיי די ברענענדיקע אויפגאַבע דורכ־

צוברעכן די וואַנט פון פאַרראַט פון די רעפאַרמיסטישע פירער, אויפצווינגען די סינדיקאַטן זיך צו רעכענען מיט די אויסלענדישע אַרבעטער, ווי מיט גלייכע, אין געמיינזאַמען קאַמף פאַר געמיינזאַמע קלאַסן־אינטערעסן.

ד. ווילענסקי
„אַרבעטער־וואָרט״, נומ׳ 7,
31סטער אָקטאָבער 1931

די פ.אַ.ב. און דער ראַטנפאַרבאַנד

ס׳איז אונדז נאָך אַלעמען פריש אין זכרון דער סעזאָן פון ליבע־דער־קלערונגען פון דער פ. א. ב. צום ראַטנפאַרבאַנד. די לאַנגע קאָרעספּאָנדענצן פון ספּאַקן, וואָן רעמאַרטעל און ווערמיילען האָבן, אין פלוג, געקענט שאַפן די מיינונג, אַז אפשר האָט טאַקע די ראַטנפאַרבאַנדישעווירקלעכקייט געצווונגען די פירער פון דער פ. אָ. ב., אונטערן דרוק פון די מאַסן, צו ענטפערן אויף דער פראַגע, „ווי איז די פאַרטיי־שטעלונג צו די דערשיינונגען אין ראַטנפאַרבאַנד״. און דער ענטפער איז געפאַלן אַזאַ באַטירלעכער, ווי ס׳זענען אַלע ענטפערס פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע: „ראַטנפאַרבאַנד איז אפשר גוט, אָבער נישט פאַר די מערב־אייראָפּעישע פאַרהעלטענישן״.

ווען אָבער פון דאָזיקן ענטפער האָבן זיך צעבייזערט די ס.־דעקישע שותּפים אין די פריערדיקע מיניסטאַרן־קאַבינעטן — די ליבעראַלן פון „עטואל בעלוש״, האָט דער סאָציאַליסטישער פאַרלאַג אַרויסגעלאָזן אַ העץ־ביכל פון רוסישן עמיגראַנטישן ס.ד.־פירער יונאָוו, וועלכער האָט געפרווט צו נישט מאַכן די דערגרייכונגען פון פינפיאָר־פּלאַן.

אַזוי איז עס די טאַקטיק פון דער פ.אָ.ב. פאַר די מאַסן אַ צוגעוואָרפענע דערקלערונג, פאַר די דעה־זאָגער אַ סערטיפיקאַט פון גוטער אויפפירונג.

ווען אַזאַ גאָרנישט זאָגנדיקע שטעלונג האָט לסוף נאָך מער אויפגערעגט די מאַסן, האָט דער ס.ד.־פירער דעווין, נאָך טויזנט דערקלערונגען און פשטלעך אַרויסגעפרעפּלט, אַז אויב ס׳וועט זיין נייטיק, וועט די פ.אָ.ב. אַפילו פאַרטיידיקן דעם ראַטנפאַרבאַנד. זיכער, אַז קיין איין באַוווסטזיניקער אַרבעטער האָט נישט גענומען ערנסט די דאָזיקע פלאַטאָנישע דערקלערונג, ווייל ס׳איז

גענוג דורכצובלעטערן דעם „פעפל", כדי צו זען וויפל שמוץ ס'ווערט דאָרט געגאָסן אויף דער פאַרבאַנדישער ווירקלעכקייט. די דאָזיקע היציקע דער־קלערונג איז מער נישט ווי אַ פייגן־בלעטל, אונטער וועלכן די ס.ד. פירט איר טאָג־טעגלעכע העץ־קאַמפּאַניע, וועלכע שיידט זיך אין עיקר מיט גאָרנישט אונטער פון די מיאוסע זילזולים פון דער בירגערלעכער פאַשיסטישער בול־וואַר־פּרעסע. ווער עס קען די פירער פון פ.אָ.ב. וועט לייכט דערקענען די נייע פוקסן־פעל אויפן לייב פון טיגער, ס'איז גענוג איין קאַראַול־געשריי פון דער בירגערלעכער פּרעסע אויפן ראַטנפאַרבאַנד, ווי אין אַלגעמיינעם כאָר פון שקר און געמיינהייט זאָל זיך אויסטיילן די סאָלאָ־שטים פון סאָציאַליסטישן „פעפל", און אַזאַ געלעגנהייט איז געקומען. אין פאַריז איז דורך דער ווייסער סמעטענע פון דער רוסישער עמיגראַציע, דורך דער האַנט פון אָפּיציעלן שעף פון דער „גרינער" רוסישער פאַשיסטישער פאַרטיי דערמאָרדעט געוואָרן דער מלוכה־פּרעזידענט און גלייך האָט די בירגערלעכע פּרעסע אויפגעהויבן אַ ווילדע העצע קעגן ראַטנפאַרבאַנד, פאַרשטעלנדיק דעם מערדער אַלס קאָמוניסט און מיטגליד פון ר.ק.פּ. אויך די היגע „אינדעפּענדאַנס" איז אַרויס מיט רעוואָלאַציעס, אַז דער מערדער איז געשטאַנען אין פאַרבינדונג מיט דער בעלגישער קאָמוניסטישער פאַרטיי. אין היץ פון דער סודותפּולער אַנטפּלעקונג האָט די „אינדעפּענדאַנס" אויך אָנגעגריפן די ס.ד. און דעם „פעפל", אויף וועמענס שפּאַלטן דעווין האָט אַזוי פייערלעך פאַרזיכערט צו פאַרטיידיקן דעם ראַטנפאַרבאַנד, האָט דערקלערט: „וואָס אַרט אונדז, ווער ער איז, אַ קאָמוניסט, צי אַ פאַשיסט — ער איז נישט פון אונדזעריקע. פאַשיסטן און קאָמוניסטן — ביידע באַקעמפן מיר, ווייל יעדער פון זיי מאַכט מיט די שפּיל פון אַנדערן" („פעפל" פון 10טן מאַי). פאַר דער פ.אָ.ב. איז דאָס אַלץ איינס, אַבי זי איז אין אָרדענונג, פאַר דער אַרבעטערשאַפט איז עס אָבער ווייט נישט דאָס זעלבע. דער אָנגריף פון פאַשיזם הייבט זיך אָן מיטן פּרעזידענטן־שאָס און ענדיקט זיך מיט העץ־קאַמפּאַניעס און מלחמה־פּראָוואָקאַציעס קעגן ראַטנפאַרבאַנד.

ד. וואָלפּערט

„אַרבעטער־וואָרט", נומ' 34,
14טער מאַי 1932

פון נאָענטן עבר

(מאַטעריאַלן צו דער געשיכטע פון אונדזער געזעלשאַפטלעכקייט אין בריסעל)

דער מזרח־יידישער יישוב אין בריסעל געהערט אפשר צו די סאַמע יינגסטע יידישע עמיגראַציע־ערטער פאַר די לעצטע דרייסיק יאָר. שטאַרק דערוואַקסן פאַרן לעצטן יאָר־צענדליק, האָט אָבער די יידישע איינוואַנדערונג דורכגעמאַכט די אַלע גלגולים, וועלכע יעדער נייער יידישער יישוב מאַכט דורך, און דערפאַר טאַקע איז כדאי, אויפן סמך פון דעם מאַטעריאַל, וועלכער געפינט זיך אין בריסעלער „ייוואָ"־אַרכיוו, אויפלעבן פאַר אונדזערע אויגן דאָס בילד פון אונדזער געזעלשאַפטלעכן לעבן, פון די ערשטע יאָרן אָן, ביז דער לעצטער תקופה פון אַ גרעסערער מאַסן־איינוואַנדערונג. מיר פּרעטענדירן נישט מיט דער דאָזיקער נאָטיץ אויסצושעפּן דעם גאַנצן מאַטעריאַל, וועלכער, ליידער, איז צום גרעסטן טייל פאַרלוירן געגאַנגען, נאָר איבערגעבן שטרענג־געשיכטלעך דעם זיגזאַג־וועג פון אונדזער געזעלשאַפטלעכער בויונג.

פּיאָנערן (1914—1907)

יחידים פון מזרח־אייראָפּע זענען געוועזן אין בריסעל נאָך פאַרן יאָר 1907. זיי האָבן זיך רעקרוטירט, צום גרעסטן טייל, פון געוועזענע סטודענטן פון די בעלגישע הויכשולן, נישט־דערפאַרענע עמיגראַנטן קיין אַמעריקע און פּאָליטישע אַנטלאָפענע פון רוסלאַנד. בריסעל איז אין יענע יאָרן נאָך נישט געווען דאָס אָרט פאַר אַ סטאַבילן יידישן קיבוץ, נאָר גיכער אַן אָרט פון אַ צופעליקן פאַרבלייב. ערשט אַרום 1907טן יאָר באַמערקט זיך שוין די שטרעבונג צו קאָלעקטיווער געזעלשאַפטלעכער אַרבעט. דער נאַטירלעכער דראַנג פון יעדן נייעם עמיגראַנטישן קיבוץ צו קאָנצענטרירן זיך, צו צעמענ־טירן די יחידים און צו שאַפן אַן אייגענע סביבה, צווינגט אויך דאָ דעם פרישן יישוב צו געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט. אין די היים־לענדער בושעוועט די רעאַקציע, די איבערוואַנדערונג אין די פרייערע דעמאָקראַטישע לענדער נעמט אָן די פאָרעם פון אַ סטיכיע. דער סאָציאַל־עקאָנאָמישער מצב פון די יידישע מאַסן־יישובים איז אַ קלאָגנדיקער, די יידישע אינטעליגענץ איז באַהערשט פון יאוש־ און ירידה־שטימונג, די נויט און דער עלנט פון יידישן אימיגראַנט נעמט אָן שרעקלעכע פאָרמען, פון אַלע זייטן שרייט מען נאָך הילף. שטעלט טאַקע דער נייער בריסעלער יישוב זיינע ערשטע טריט אויפן

וועג פון זעלבסטהילף און פילאַנטראָפּיע. אַפילו דער קליינינקער פּאָליטישער פּרווו פון יישוב איז באַהויכט פון די דאָזיקע טענדענצן.

שוין דעם 12טן אָקטאָבער 1907 געפינען מיר, איינגעאָרדנט פון דער „יידישער טעאַטראַלער פילאַנטראָפּישער געזעלשאַפט" אין דיאַמענט־פּאַלאַס (סען זשיל), אַ טעאַטער־פאַרשטעלונג. עס ווערט געשפּילט „בר כוכבא" אָדער „דער לעצטער קעניג פון ישראל", און ווי עס דערציילט דאָס פלוג־בלעטל אין דייטש און פראַנצויזיש, גייט די הכנסה פאַר אַ ווילטעטיקן צוועק.
אין זעלבן יאָר ווערט אויך געגרינדעט דער ערשטער ציוניסטישער פאַראיין אונטערן נאָמען „אהבת ציון". פון פּראָטאָקאָל־בוך, וועלכער איז דאַן געפירט געוואָרן אין דייטש, דערוויסן מיר זיך, אַז דעם 8טן אויגוסט 1907 איז געוויילט געוואָרן דער קאָמיטעט. ווייטער דערוויסן מיר זיך, אַז דער נייער פאַראיין איז געשטאַנען אין אַן ענגן קאָנטאַקט מיט די אַנטווערפּנער ציוניסטן און עס איז אויך די פאַרזאַמלונגען דעבאַטירט געוואָרן וועגן 8טן ציוניסטישן קאָנגרעס. כאַראַקטעריסטיש פאַר דער דעמאָלטיקער תקופה איז דער פאַקט, וואָס דער שטעמפּל פון פאַראיין איז געווען אין דייטש און העברעיש.

נאָך אַלץ געטריבן דורכן געפיל פאַר פילאַנטראָפּיע ווערט איינגעאָרדנט דעם 12טן דעצעמבער אין זאַל „שאטא ד'אר" (עקזיסטירט שוין נישט מער) ביי מידי, אַ גרויסע טעאַטער־אונטערנעמונג, ווו עס ווערט געשפּילט דאָס לעבנס־בילד „שלמהלע דער מילנער", אין 4 אַקטן מיט געזאַנג און טענץ. די הכנסה גייט לטובת איינעם סאני. פון דעם פלוג־בלעטל אין דייטש דער־וויסן מיר זיך די נעמען פון די אָנטיילנעמער, אַ טייל פון וועלכע ס'וווינען נאָך היינט אין בריסעל, און צום סוף גייט אַ קליינע באַמערקונג: „אַזוי ווי די הכנסה גייט לטובת אַ בענעפיציאַנט, האָפן מיר אויף אַ צאָלרייכן באַזוך".

דער ציוניסטישער פאַראיין האַלט אָפּ זיינע פאַרזאַמלונגען אין „בראַ־סערי פלאמאנד", ביי דער בערזע, און פאַרמעסט זיך אין 1908טן יאָר צו גרינדן אַ ביבליאָטעק און אַ לייען־זאַל.

פון יאָר צו יאָר ווערט דער יידישער קיבוץ פאַרגרעסערט. עס ווערן שוין קלאָרער די קאָנטורן פון די סאָציאַלע שיכטן אין יישוב גופא, און פון כלל־ישראל־פילאַנטראָפּיע פירט דער וועג שוין אַוועק צו פּראָפעסיאָנעלער זעלבסטהילף. דעם 4טן אָקטאָבער 1909 ווערט געגרינדעט, ווי דער אויפרוף און די סטאַטוטן אין יידיש דערציילן, „אין בעלגיע שטאָט בריסל איין יודישער קויפמאן אונטערשטיצונגס פאַראיין". די צילן פון פאַראיין זענען: אויסבאָרגן

זיינע מיטגלידער געוויסע געלט־סומעס, פאַרזיכערונג אין פאַל פון קראַנקהייט א.א.וו. אינטערעסאַנט איז דער פונקט 13 פון די „שטאטוטען", לויט וועלכן „אויפן פאַרלאַנג פון אונדזערע מיטגלידער האָט דער קאָמיטעט די אויפגאַבע אַריינצומישן זיך מאָראַליש, געשעפטלעך א.א.וו."

די קאַסע פון פאַראיין נעמט שפּעטער איבער דער בריסעלער הויפּט־רב בלאָך.

דעם 18טן סעפּטעמבער 1909 קומען פאָר וואַלן אין ציוניסטישן פאַראיין. די אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג, וועלכע איז באַשטאַנען פון 28 מיטגלידער, וויילט אַ קאָמיטעט פון 7 פּערזאָן. דער פּראָיעקט פון אַ ביבליאָטעק און אַ לייען־זאַל איז נישט מקוים געוואָרן, כאָטש דער פאַראיין האָט זיך שטאַרק געמיט אים צו רעאַליזירן. די פּראָטאָקאָלן פון פאַראיין וואַרפן אַ כאַראַקטעריסטישן שיין אויף דער דעמאָלטיקער תקופה. אַזוי, למשל, ווערן זיי שוין געפירט אין פראַנצויזיש און מיר געפינען שוין נישט צווישן די מיטגלידער די נעמען פון טוער פון די פאַרגאַנגענע 2 יאָר. דאָס באַווייזט אַמבעסטן די נישט סטאַבילקייט פון פרישן יידישן יישוב. די טוער פאָרן אַוועק און די אַרבעט קריגט שוין אַ צווייטע אָנרעגונג, אַ צווייטע ריכטונג. דער נישט סתם־ציוניסטישער טייל פון יישוב, וועלכער איז פּאָליטיש געווען צעריסן אויף גרופּן און גרופּקעלעך, קאָנצענטרירט זיך אַרום דעם „קולטורעלן קלוב". פון אויפרוף פון קלוב, אין דער יידישער שפּראַך, דערוויסן מיר זיך, אַז ער איז געגרינדעט געוואָרן אין 1911 און זיינע צילן זענען:

„אויפצוהייבן דעם יידישן באַוווסטזיין דורך פאַרשפּרייטונג פון דער יידישער און אַלגעמיינער קולטור, ווי אויך צו שאַפן אַן אינטעלעקטועלע היים פאַר דער יידישער באַפעלקערונג אין בריסעל". כדי דאָס צו דערגרייכן, וויל דער „קולטורעלער קלוב" שאַפן אַ ביבליאָטעק מיט אַ לייען־זאַל, רעפעראַטן, ליטעראַרישע אָוונטן, דיסקוסיעס איבער יידישע און אַלגעמיינע ענינים, עקס־קורסיעס און גאַנץ באַזונדערס „באַקענען זיך מיט בעלגיע, אירע מוזעען, מיט אירע אַנדערע אַנשטאַלטן, ווי אויך מיט דעם עקאָנאָמישן לעבן פונעם לאַנד אין וועלכן מיר וווינען"; און גלייכצייטיק „דאָס אָפּרופן זיך אויף אַלע נעכ־טיקע געשעענישן אין יידישן לעבן, ווי למשל, די לאַגע פון יידן אין פאַר־שידענע לענדער און דאָס פאַרטיידיקן זייער רעכט אין דער געזעלשאַפט".

אָנגעפירט האָט דעם קלוב דער פאַרשטאָרבענער קולטור־טוער לאַזאַר באָיאַרסקי. דער קלוב האָט איינגעאָרדנט רעפעראַטן פון שלום אַש, יעקב

לעשטשינסקי און אין 1913 אַ געדענק־אָוונט צו דער 10טער יאָרצייט נאָכן קישינעווער פּאָגראָם.

דער אויפרוף פאַרענדיקט זיך מיט די ווערטער: „די איינציקע שורות רע־כענען מיר פאַר גענוג, אום צו צייגן דער יידישער באַפעלקערונג אין בריסעל, ווי מיר פאַרשטייען קולטורעלע אַרבעט און ווי וויכטיק עס איז פאַר יעדן יידן, וואָס האַלט פון דעם כלל, אַז, זייענדיק אַ מענטש, דאַרף מען אויך נישט פאַרגעסן דאָס פּינטעלע ייד מיט צוהעלפן מאַטעריעל און מאָראַליש".

די דאָזיקע שורות זענען אַ רמז אויף די אַסימילאַטאָרישע טענדענצן פון אַ טייל פון דער יידישער אינטעליגענץ, וועלכע, פּרעגלענדיק זיך אין די רוסישע און פּוילישע באַפרייונגס־קרייזן, האָט איבערגעלאָזט דעם יידישן יישוב אויף הפקר.

דער קולטורעלער קלוב איז אויף אַזאַ אופן געווען דער גייסטיקער פאָרגייער פון די שפּעטערדיקע „פאָלקס־הויז", „בית־עם" און „קולטור־פאַראיין".

דעם 2טן מערץ 1912 ווערט איינגעאָרדנט, ווי דער דייטשער פּראָגראַם דערציילט אונדז, אַ פּורים־באַל, ווו „דער דראַמאַטישער פאַראיין צו בריסעל" שפּילט „די משפחה צבי", „איין טראַגישעס לעבענסבילד אין 4 אַקטען" פון ד. פּינסקי.

ביז האַרט פאַר דער מלחמה איז נאָך אַלץ טעטיק געווען דער קול־טור־קלוב, וועלכער האָט געפירט אַ ריין־געזעלשאַפטלעכע אַרבעט. פּאַראַלעל מיט אים אָבער, אויף דעם פּאָליטישן געביט, איז טעטיק דער ציוניסטישער פאַראיין. די פילאַנטראָפּישע אַרבעט ווערט אויסגעפירט דורך די אַמאַטאָריש־דראַמאַטישע פאַראיינען, דער יונגער יידישער יישוב אין בריסעל פּרוווט איבערטראָגן די אַלטע ווערטן פון זיינע היים־לענדער אויף דער נייער ערד. מיט די פאַרשידענע מיטלען און כוחות זאַמלט ער די צעשטויבטע יחידים אין איין קאָלעקטיוו און לייגט אויף אַזאַ אופן דעם גרונטשטיין פאַר די שפּעטערדיקע איינוואַנדערער, וועלכע געפינען שוין אין דער נייער היים די וואַרעמע פוסטריט פון די ערשטע פּיאָנערן.

אינזש. ד. טראָצקי

„אונזער ישוב", נומ' 10,

2טער יוני 1939

מיר דאַרפֿן אָנהייבן פֿון דאָס ניי

פֿאַר דעם איינעם, וועלכער קוקט מיט אָפֿענע אויגן אויף דעם געזעלשאַפֿטלעכן לעבן פֿון אונדזער יישוב און ציט אונטער פֿון צייט צו צייט אַ סך־הכל וועגן זיין באַוועגלעכקייט, ווערט שווער אויפֿן געמיט, ווען ער קומט צו צום קאַפּיטל יידישע קולטור־טעטיקייט אין בריסעל. אַזוי פֿיל פֿאַרשידענע פּרווון זענען געמאַכט געוואָרן, כדי צו געבן דעם יידישן יישוב די מעגלעכקייט אויסצולעבן זיך אין דער יידישער קולטור־סביבה, אַזוי פֿיל אָנשטרענגונגען און באַמיאונגען זענען געמאַכט געוואָרן צו צעמענטירן דעם פֿאַרהעלטנישמעסיק יונגן יישוב און אַרויסצורופֿן ביי אים זיין שעפֿערישן גייסט, זיין פֿרישע מיטגעבראַכטע ענערגיע לטובת דער יידישער קולטור. וויפֿל געלט, מי און מאַטער זענען פֿאַרלוירן געגאַנגען אָן שום נוצן, אָן שום זכר.

פֿון אַלע געביטן פֿון אונדזער געזעלשאַפֿטלעכן לעבן איז דער קולטור־אָפּשניט אפֿשר דער איינציקער, וועלכער האָט געגעבן אַזעלכע נישטיקע, אומבאַדייטנדע רעזולטאַטן.

ווו ליגט די סיבה פֿון אונדזער קולטורעלער אָפּגעשטאַנענקייט? איז אונדזער קיבוץ אַזוי שווער צו געווינען פֿאַר דער יידישער קולטור אָדער זענען די מיטלען און די וועגן, וועלכע מען פֿלעגט באַנוצן, נישט קיין צוגעפּאַסטע?

די וויכטיקסטע סיבה פֿון אונדזער קולטורעלער אָפּגעשטאַנענקייט און פֿאַרוואָרלאָזטקייט איז, לויט אונדזער מיינונג, די צעריסנקייט און צעשפּליטערטקייט פֿון אונדזערע כוחות. די פֿאַרהעלטנישמעסיק אָרעמע כוחות, וועלכע מיר פֿאַרמאָגן אויפֿן קולטור־געביט, זענען נאָך מער אָפּגעשוואַכט געוואָרן פֿון דעם „שבת פֿאַר זיך מאַכן", וועלכע האָט זיך אַזוי רחבותדיק פֿאַרשפּרייט ביי אונדז.

באַשרענקטע מעגלעכקייטן, שטויבעלעך פֿון אַספּיראַציעס, קליינער פֿאַרנעם, ביי כמעט איינער און דער זעלבער ווירקונגס־ספֿערע, גיבן נישט דעם שטויס צו שאַפֿן עפּעס גרויס, אָריגינעלס און שטאַנדהאַפֿטיקס פֿאַר דער יידישער קולטור. פֿאַר די לעצטע יאָרן קאָנען מיר נישט פֿאַרצייכענען, אפֿשר מיט גאָר קליינע אויסנאַמען, אַזעלכע מאַניפֿעסטאַציעס פֿון דעם יידישן קולטור־גייסט, וועלכע זאָלן איבערלאָזן אַ רושם און אַ זכר אין אונדזער

לעבן אין לאַנד. קולטור־טעטיקייט, נאָך מער ווי וועלכע נישט איז אַנדערע געזעלשאַפטלעכע אַרבעט, פאָדערט יחוד, האַרמאָניע און אַ ראַציאָנעלע אויס־נוצונג פון די כוחות, ווי קליין און אָרעם זיי זאָלן נישט זיין.

דאָס איז, ליידער, נישט געווען און די רעזולטאַטן זענען היינט צו טאָג פאַר אונדזערע אויגן אַזעלכע קלאָגעדיקע, אַזעלכע נעבעכדיקע, אַז עס פאָדערט זיך פון דאָס ניי אַ קאָלאָסאַלע אָנשטרענגונג פון אונדזערע קולטור־טוער, צו פונאַנדעראַקערן דעם פאַרוואָרלאָזטן און מיט ווילדגראָז באַוואַקסענעם באָדן — פאַר דער אויפלעבונג און אַנטוויקלונג פון דער יידישער קולטור.

ביי אַ האַרמאָנישער צוזאַמענאַרבעט פון אַלע שיכטן פון אונדזער יישוב, קאָן מען גאָר אין קורצן אָניאָגן די פאַרשפּעטיקטע און איבערבויען די אָנגעהויבענע קולטור־אַרבעט מיט אַ סך גרעסערן דערפאָלג ווי פריער, ווייל לשבח דאַרף מען זאָגן, אַז נישט קוקנדיק אויף דער פאַרשידנקייט פון אונדזער קיבוץ, איז די יידישע קולטור־אַרבעט אפשר פון די געציילטע, וועלכע באַפרידיקן דעם נאַטירלעכן דראַנג פון אונדזער יישוב צו דערגרייכן שענערע און בעסערע גייסטיקע ווערטן.

עס שטייען פאַר דער קולטור־קאָמיסיע פון „ראַט" בהענענדיקע אויפגאַבן אויף דעם געביט. אויפזאַמלען די צעברעקלטע כוחות פון אונדזער יישוב, אויסגעפינען די נסתרים, וועלכע האָבן פון יאוש און פאַרצווייפלונג זיך פאַררוקט אין אַ זייט און וועלקן אין דער שטיל, געווינען די ברייטע שיכטן פון אונדזער יישוב פאַר יידישע קולטור־אונטערנעמונגען, אַריינפירן אונדזער יונגן דור אין דער סביבה פון דער יידישער שאַפונג, זאָרגן פאַר אונדזערע קינדער, זיי זאָלן נישט פאַרפרעמדט ווערן, אַריינברענגען דאָס יידישע בוך אין אונדזערע הייזער, וועקן אַן אינטערעס צום בעסערן יידישן טעאַטער און שטיין אין קאָנטאַקט מיט די לעבעדיקע יידישע קולטור־קוואַלן אין דער גאָרער וועלט. בהדרגהדיק, טראַט נאָך טראַט, וועט מיט דער הילף פון גאַנצן יידישן יישוב אין בעלגיע געבויט ווערן אויף געזונטע יסודות אונדזער מאָדערנע יידישע קולטור.

אינזש. ד. טראָצקי

„אונזער ישוב", נומ' 14,
30סטער יוני 1939.

וויסן איז מאַכט

(וועגן פאָלקס־אוניווערסיטעט ביים „ראַט")

נאָך קיין מאָל נישט, ווי אפשר היינט, איז דאָס פיל מאָל געזאָגטע וואָרט אַזוי ריכטיק. אין צייטן, ווען באַגריפן ענדערן זיך מיטן טאָג, ווען געשעענישן יאָגן זיך אין אַ משונהדיקן געלאַף, ווען געשיכטלעכע אמתן ווערן געפעלשט און צוגעשפּיצט צו אַ באַשטימטן ציל, איז פאַרן דורכשניטלעכן מענטש מיט זיין קליינעם און באַגרענעצטן באַגאַזש פון וויסן, שווער, אויב נישט אין גאַנצן אוממעגלעך, אויסטיילן דעם אמת פון שקר, דעם ציל פון דעם מיטל און פאַרויסזען, וווּ דער וועג פירט.

עס איז שווער צו דערגרונטעווען דעם תוך פון די דערגרייכונגען פון מענטשלעכן גייסט אויף אַלע געביטן פון זיין שאַפונג. דערצו פאָדערט זיך כמעט נישט קיין אויסמעסטבאַרע צאָל פון שעהען און טעג. באַגנוגנט זיך דערפאַר טאָקע דער מענטשלעכער דראַנג נאָך וויסן מיט ברעקלעך, שטויבלעך, אָפט מאָל נישט געסדרטע ידיעות, וועלכע דערגרייען צו אים. די שול איז, בלי ספק, די אינסטיטוציע, וועלכע לייגט דעם פונדאַמענט פאַר יעדן יחיד אויף זיין לעבנס־וועג. אָבער וויפל פון אונדזערע יחידים בלייבן, צוליב פאַרשידענע טויזנטער סיבות, שטיין ביים פונדאַמענט? וויפל פון אונדזערע יחידים האָבן נישט געהאַט די זכיה צו באַזוכן און דורכמאַכן אַן עלעמענטאַר־שול? וויפל פון אונדזערע יחידים באַגנוגענען זיך מיט שעפּן זייערע ידיעות פון דער פּרעסע, פון צייטונגס־אַרטיקלען? און וויפל פון זיי דערוויסן זיך וועגן „נייע וועלטן" פון צופעליקן צוהערן זיך צו אַ שמועס אָדער פון אַ בטלנישער דיסקוסיע פון עטלעכע כלומרשטע בעל־ידענס? עס האָט זיך ביי אונדז יידן געשאַפן, בפרט נאָך אין די לעצטע יאָרן, דער טיפּ פון פאַרפאָלקאָמטן פעדאַנט, מיט דער גרויסער איינרעדעניש, אַז אַזאַ טיפּזיניקער, באַהאַוונטער און וויסנדיקער, ווי ער, איז נישטאָ. נישטאָ זיין גלייכן, נישטאָ כמעט קיין איין געביט פון מענטשלעכן שכל, וועלכער זאָל פאַר אים זיין אומקלאָר און פאַרנעפּלט, וועגן יידישע ענינים, שוין אָפּגערעדט יידישע ליטעראַטור, יידישע געשיכטע, מוזיק, קונסט, טעאַטער, יידישע עקאָנאָמיק — וועגן דעם אַלץ, לאָזט אים איבער, ער וועט שוין דערקלערן, און אין אַ פאַר־לעגנהייט, האָט ער גלייך אַן „אייגענע שטעלונג". פאַרגרעבטע עם־הארצות, אַנגעטאָן אין אַ מלבוש פון חוצפּהדיקער איינרעדעניש. דער אַרבעטער, דער

פאָלקסמענטש און אַ גרויסער טייל פון אונדזער יוגנט זענען קרבנות פון די נישט פאַררופענע דערציער. זייער דראַנג נאָך וויסן ווערט דערטרונקען אין אַ מבול פון פאַרקריפּלטע באַגריפן און אויסטייטשונגען. מיר שטייען פאַר דער טרויעריקער דערשיינונג פון אויסכאָוועגען אין אונדזערע רייען אַ דור אַ פאַרגרעבטן, אַן עם־הארצותדיקן.

לאַנג און ברייט האָט זיך אויף די שפּאַלטן פון „אונדזער יישוב" גע־דרוקט וועגן די קולטור־הצטרכותן פון דער יידישער באַפעלקערונג. אונדזערע קולטור־טוער האָבן נאָך אַ טיפן אַנאַליז פון דער יידישערווירקלעכקייט פאַרגעלייגט פאַרשידענע אופנים פון דער קולטור־אַרבעט. אַלע אָבער האָבן זיך געאייניקט אויף איין פונקט, אַז אונדזער קולטור־סעקטאָר איז פאַר־וואָרלאָזט און פאָדערט אַ גרינטלעכן רעמאָנט. און איינע פון די וויכטיקסטע אָפּצווייגן, בפרט נאָך היינט צו טאָג, איז די נאָך־שול־בילדונג.

אין בעלגיע איז כמעט נישטאָ קיין איין קאָמונאַלע איינריכטונג, ווו אַ נאָך־שול בילדונגס־אַרבעט זאָל נישט ווערן געפירט, זאָל עס זיין אין פאָרעם פון ביבליאָטעקן, אָוונט־שולן אָדער פאָלקס־אוניווערסיטעטן.

מיר מוזן זיך נעמען אַ משל פון דער אָרטיקער באַפעלקערונג. דער עם־הספר, ביי וועלכן דער ספר האָט אָנגעהויבן פאַררוקט צו ווערן אין אַ זייט, מעג זיך לערנען ביי אַנדערע. צו אונדזער שאַנד דאַרפן מיר פעסטשטעלן, אַז דער דאָזיקער געביט איז ביי אונדז אין גאַנצן פאַרגעסן געוואָרן. דווקא איצטער, אין צייטן פון עקאָנאָמישע און ווירטשאַפט־פּאָליטישע דעפּרעסיעס, איז דאָס אָרט פאַר דערפילן די בלויזן אין אונדזער גייסטיקער עקזיסטענץ.

די קולטור־קאָמיסיע ביים „ראַט" דערעפנט די טעג איר פאָלקס־אוניווערסיטעט. ביי איר בעסטן ווילן האָט זי זיך געמוזט באַגרענעצן מיט אַ קליינע צאָל קורסן, וועמענס וויכטיקייט אין אָנבליק פון דער צייט איז אַ באַדייטנדיקע. פאַר די ערשטע צוויי חדשים זעט זי פאָר די לימודים פון יידישער געשיכטע, יידישער ליטעראַטור, יידישער סאָציאָלאָגיע, העברעישער ליטעראַטור, נאַטור־וויסנשאַפט און סאָציאַלער היגיענע. פאַרן פאָלקסמענטש, פאַר דער יוגנט, פאַר יעדן יחיד, וועלכער וויל דערגענצן זיינע ידיעות, איז דער אויסוואַל פון די קורסן אַ גענוגנדיקער.

די טוער פון דער קולטור־קאָמיסיע ביים „ראַט" האָבן אָפּגעגעבן גענוג צייט און אָנשטרענגונג, כדי צו באַזאָרגן די קורסן מיט אַנטשפּרעכנדיקע

לעקטאָרן, געהאַט אין זינען, אין אַלע פּרטים, די צוגרייטונגען פון פאָלקס־אוניווערסיטעט, געזאָרגט פאַרן אָפּקלייב פון מאַטעריאַל. און איצט געהערט דער נייער געביט פון אונדזער קולטור־טעטיקייט אונדזער יישוב, אונדזער יוגנט, אונדזערע פאָלקסמאַסן.

מיט זיי און פאַר זיי וועלן מיר צוזאַמען אַרויסשטעלן די פּעדאַנטישקייט, די פאַרגרעבטקייט און עם־הארצות הינטער די טירן פון אונדזער סביבה.

אינזש. ד. טראַצקי
„אונזער ישוב", נומ' 27,
13טער אָקטאָבער 1939.

דער גרויסער אומבאַקאַנטער

(וועגן יידישער מוזיק)

להיפּוך צו די אַנדערע צווייגן פון דער יידישער קולטור־שאַפונג, איז די יידישע פאָלקס־מוזיק געבליבן פאַר אונדזער עולם כמעט ווי אומבאַקאַנט. נישט דערשאַצט פון אונדזערע קולטור־טוער, נישט אויפגענומען פון די יידישע מאַסן, איז די יידישע מוזיק פאַררוקט געוואָרן ערגעץ ווו אין אַ ווינקל פון אונדזער קולטור־רענעסאַנס און וואַרט אויף אַ תיקון. אפשר איז עס דערפאַר, ווייל מוזיק בכלל באַווייזט נישט קיין ממשותדיק אַנטאַפּבאַרע ווערטן, ווי אַ בוך, אַ בילד, אַ סקולפּטור, וואָס יעדער יחיד קאָן לייענען אָדער זען, אין דער צייט ווען אַ ליד, אַ ניגון דאַרף ערשט פון אַ קינסטלער קריגן אַ רוח החיים און דערנאָך ערשט דערפילט ווערן. אָדער אפשר ליגט די סיבה אין אונדז גופא, אין אונדזער קולטור־באַוועגונג.

מיר ווילן זיך דאָ נישט אַריינלאָזן אין אַ ויכוח, צי זענען יידן אַ מוזי־קאַליש פאָלק און וועלכן אָרט פאַרנעמען זיי אין דער מוזיקאַלישער גראַדאַציע פון פעלקער. צי האָבן יידן אַ נטיה צו מוזיק בכלל, צי נישט? געשיכטלעך ווייסן מיר אָבער, אַז שפּילן און נגינה זענען ביי יידן באַקאַנט פון די עלטסטע צייטן און געוונג צו דערמאָנען שאול און דוד, יפתחס טאָכטער, שלמה און, שפּעטער, די קלאָג־לידער אויפן חורבן בית־המקדש. אייך אין לאַנגע יאָרן פון פינצטערן מיטלאַלטער איז דער ניגון געווען דער כסדר־

דיקער באַגלייטער פון תפילות, מזמורים און אַנדערע רעליגיעזע צערע־מאָניעס.

ערשט מיט דער אַנטוויקלונג פון דער פאָלקסשאַפונג ביי די אומות העולם און מיטן אויפשטייג פון חסידות באַווייזט זיך ביי יידן די אייגנאַרטיקע יידישע פאָלקס־מוזיק. אַפילו דער אָפּגעדאַרטער צווייג פון יידישן פאָלק, וועלכער איז געשיכטלעך פאַררוקט געוואָרן אין אַ זייט, די שפּאַנישע יידן, וועלכע רעדן עד היום לאַדינאָ, האָבן אויך זייערע פאָלקסלידער, וועלכע זענען אַזוי נאָענט, לויט זייער מוזיקאַלישן בוי, צו די יידישע לידער פון מזרח־אייראָפּע. דער אויפבלי פון דעם יידישן פאָלקסליד איז געווען אין פּוילן און ליטע, פּרייסן און אוקראַינע, וואַלאַכיע און אונגאַרן אין גאַנצן מזרח און דרום־מזרח אייראָפּע. אויפן סמך פון די טויזנטער און טויזנטער לידער קאָן מען אויסלייענען די געשיכטע פון אונדזער מאַרטירער־וועג פאַר די לעצטע 200 יאָר. די ליידן און פריידן, דער צער און די שמחה, די האָפענונג און דער גלויבן פון מיליאָנען יידן, פון דורות מענטשן, ווערן אָפּגעשפּיגלט אין דעם יידישן ליד. זאָל דאָס זיין אַ פריילעכס, אַ וואָלאַך, אַ ניגון, אַ זמרל, אַ לעבעדיקס אָדער סתם אַזוי אַ ליד — וויפל חן, שטימונג און דערהויבונג ליגט אין זיי, רעדט אַרויס פון אומעטיקן זמרל, מינאָרן וואָלאַכל און האַרצרייסנדיקן ניגון. די גאַנצע פּשטות פון יידישן לעבן, די גאַנצע טראַגישקייט פון דער צייט זינגט אַרויס פון אַ פריילעכס, פון אַ לעבעדיקס, דאָס ביסעלע פרייד און די גרויסע האָפענונג פון דורות אויף בעסערע צייטן.

אייגנאַרטיק איז דאָס יידישע ליד, לויט איר מוזיקאַלישער קאָנסטרוקציע, באַהויכט מיט דער טעריטאָריאַלער באַפאַרבונג פון שכנס פאָלקסליד, אָבער לויט זיין מהות אַ געטרייער רעפלעקטאָר פון זיין צייט. מעגן פון אַ וואָלאַכל אַרויסרייסן זיך די קלאַנגען פון דער אָנסופיקער מאָדזשיאַרישער סטעפּ, מעג פון אַ לאַנגזאַמען ניגון אַרויסשמעקן די ווייסע כאַטע פון אוקראַאינישן פויער, מעג פון אַן אַרבעטער־ליד אַרויסשרייען די גרויע אָרעמקייט פון די נאַקעטע ליטווישע פעלדער, אַלץ איינס, צוזאַמען בילדן זיי אָבער דעם בונטן קראַנץ פון אונדזער פאָלקס־אייגנס.

אַוודאי איז דאָס פאָלקסליד, גענומען פון שטאַנדפּונקט פון דער מוזיקאַלישער קונסט, זייער אַ נאַיווע פאָרעם פון מוזיקאַלישער בויגעוודיקייט, עס קאָן דערפאַר דינען פאַר אַ באַזיס פאַר קינסטלער, כדי צו שאַפן

אַ גרויס מוזיקאַליש ווערק. אָבער מיר, יידן, פאַרנעמען זיך ווייניק מיט אונדזער רייכקייט. ווער פון אונדזערע קולטור־טוער שאַצט אָפּ די גרויסע פאַרדינסטן פון אונדזערע מוזיקער: קריין, אכראָן, צייטלין, בלאָך, ענגעל און אַנדערע זענען פאַר אַ סך פון אונדז די גרויסע אומבאַקאַנטע אויפן געביט פון יידישער מוזיק. זיי זענען אָבער געווען און זענען נאָך היינט די ערשטע פּיאָנערן, וועלכע האָבן צעאַקערט אונדזער פעלד און באַוויזן די רייכקייט פון אונדזער פאָלקס־אוצר.

ערשט ווען גרויסע נישט־יידישע מוזיקער, ווי פּראָקאָפּיעוו, ראַוועל און אַנדערע האָבן צוגעלייגט זייער קאָמערטאָן צו אונדזער ליד און געגעבן זיי אַ לבוש פון אייגנאַרטיקייט, איז דער אינטערעס צו יידישער מוזיק גרעסער געוואָרן. פליט אַרויס איבער די וועלן פון ראַדיאָ אין אַלע עקן וועלט אונדזער באַרימטער „יאָשקע פאָרט אַוועק", וועלכן די דזשאַז־מוזיקים האָבן פאַרשמינקט אין אַ „דזשאָזעף־דזשאָזעף", און קיינער ווייסט נישט דעם גילגול פון אַ יידישן ניגון. קונסט און שונד האָבן זיך געשפּייזט ביים זעלבן ברונעם פון דעם יידישן פאָלקסליד, אָבער מיר, יידן, צי קענען מיר אונדזער אייגנס, אונדזער פאָלקסליד? נישט געוווּג, איז די תשובה, און דערפאַר טאַקע אַ יישר־כּוח די אַלע, וועלכע ווילן דאָ אָפּראַטעווען פון פאַר־געסנקייט דעם גרויסן ווערט, וואָס ליגט אין דעם יידישן ליד.

ד. פּאַלינין

„אונזער ישוב", נומ' 46,
23סטער פעברואַר 1940

פון „התקוה" ביז „אונזער ישוב"

(35 יאָר יידישע פּרעסע אין בעלגיע)

דער אָנהייב פון דער יידישער פּרעסע אין בעלגיע פאַלט זיך צוזאַמען מיטן אָנהייב פון דער געזעלשאַפטלעכער פונאַנדערגלידערונג פון אונדזער יישוב. מיטן מאָמענט ווען בעלגיע האָט אויפגעהערט צו זיין אַ טראַנזיט־לאַנד פאַר דער יידישער וואַנדערונג און ווערט ביסלעכווייז פאַרוואַנדלט אין אַ קליינעם יידישן קיבוץ, הייבן אָן זיך באַווייזן די ערשטע ציטעריקע פּרווון פון אַ יידישער צייטונג. אַנטווערפּן ווערט אין אָנהייב דער יידישער צענטער אין לאַנד, מיט אַ באַשטימטער יידישער עקאָנאָמישער פּאָזיציע אין דיאַמענט־פאַך. פון יאָר צו יאָר ווערט דער יידישער יישוב פאַרגרעסערט.

לעאָנטי סאָלאָווייטשיק אין זיין בוך „דער נישט אָנערקענטער פּראָלע־טאַריאַט" גיט אָן די צאָל יידישע אַרבעטער אין דיאַמענט־פאַך אין יאָר 1897 אויף בערך 600—700 מאַן. ווי ווייט דאָס דיאַמענט־פאַך האָט זיך אַנטוויקלט אַ דאַנק דער יידישער איינוואַנדערונג, פאַר די לעצטע יאָרן, קאָן מען זען פון ד״ר ק. ליבערמאַנס אַרבעט „די אינדוסטריע און האַנדל פון די בעלגישע דיאַמאַנטערן" לויט פאָלגנדיקע ציפערן: אין 1880סטן יאָר — 943 אַרבעטער, אין 1890סטן יאָר — 3518, אין 1910טן יאָר — 14,969. די יידישע באַפעל־קערונג וואַקסט אויס אין אַנטווערפּן פון 8000 מאַן אין יאָר 1900 צו 25,000 אין 1910. דער גרעסטער טייל פון נייע עמיגראַנטן זענען געקומען פון דער עסטרייכישער גאַליציע און מיטגעבראַכט פון דער היים די נייע אידעען פון דער נאָר־וואָס אויפגעקומענער באַזעלער פּראָגראַם. אין 1904 דערשיינט דער ערשטער אָרגאַן פון יידישן יישוב אין בעלגיע, דאָס איז די „התקוה", רעדאַגירט פון העניק גרינצווייג (גריגאָוו), אַן אָנגעזעענער טוער אין די ציוניסטישע קרייזן פון אַנטווערפּן. די צייטונג איז דערשינען אין דייטש מיט אַ פראַנצויזישע ביילאַגע.

נחום טאָרטשינער אין זיין דאָקומענטירטער אַרבעט „דער בעלגישער ציוניזם — ביזן וועלט־קריג" (1914) דערציילט וועגן דער „התקוה" בזה הלשון: „אין דער ערשטער צייט זענען גרינצווייג און זשאַן פישער געווען די לייט־אַרטיקל־שרייבער, די כראָניקער און די ביכער־רעצענזענטן; ערשט שפּעטער זענען צוגעקומען אַנדערע מיטאַרבעטער. אַזוי ווי די אומגאַנגס־שפּראַך פון דעם רוב אַנטווערפּנער יידן איז דעמאָלט געווען דייטש, איז

אויך די „התקוה" דערשינען אין דער דייטשער שפראַך. די צייטונג האָט אָבער אויך געהאַט אַ פראַנצויזישע ביילאַגע, רעדאַגירט פון מ. ד. האָראָוויץ.

אין יאָר 1910 איז געשטאַנען פאַר די אַנטוּוערפּנער ציוניסטן די פראַגע פון אַ יידישער ביילאַגע צו דער „התקוה". אָבער, ווייזט אויס, אַז די שוועריקייטן, וועלכע האָבן זיך דאַן געשטעלט אין וועג, האָבן נישט דערמעגלעכט דאָס צו רעאַליזירן. אַפילו דער ווילן צו פאַרוואַנדלען די „התקוה" אין אַ וועכנטלעכן אָרגאַן איז אויך נישט מקוים געוואָרן. ערשט נאָך דער מלחמה דערשיינט די „התקוה" אין פראַנצויזיש.

מיר האָבן גאַנץ באַזונדערס אויסגעטיילט דעם ערשטן יידישן אָרגאַן אין בעלגיע, צוליב זיין אייגנאַרטיקייט סיי פון דער שפּראַך, סיי פון זיין פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכן פּנים. היסטאָריש גענומען, פאַרנעמט ער, בלי ספק, די בכורה. אָבער זיין ווירקונג אויפן נייעם יישוב, הויפּטזעכלעך אויף די עמיגראַנטן פון פאַר דער מלחמה, איז געווען זייער אַ באַשיידענע. ערשט מיט דעם פונאַנדערוווּקס פון די איבעריקע יידישע קיבוצים אין בעלגיע, מיט זייער געזעלשאַפטלעכער פונאַנדערטיילונג אין די יאָרן 1907—1912, פילט זיך די נויטווענדיקייט אין אַן אייגענער צייטונג אויף יידיש.

אין יענע יאָרן איז נאָך אין בעלגיע נישט געווען גענוג יידישע שריפט, כדי אויסצוזעצן אַ צייטונג. דאָס האָט זייער שטאַרק געשטערט דער אַנטוויקלונג פון יידישן געדרוקטן וואָרט.

אין אָנהייב 1913 דערשיינען צוויי צייטונגען: „דער יידישער סטודענט" און „דער מערב".ביידע געדרוקט אין קאָפּענהאַגען. „דער יידישער סטודענט" האָט אין זיך בולט אָפּגעשפּיגלט די שטימונגען פון דער נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלער יידישער אינטעליגענץ, וועלכע האָט זיך אָפּגעברענט די פינגער ביים פייער פון דער דורכגעפאַלענער רוסלענדישער רעוואָלוציע פון 1905, און, פול מיט יאוש און ירידה־שטימונג, געזוכט אַ פעלד פאַר געזעלשאַפטלעכער אויפלעבונג צווישן די יידישע פאָלקסמאַסן אין מערב־אייראָפּע.

אין דער הקדמה פון נומער 1 פון „יידישן סטודענט", פון 1טן דעצעמבער 1912, לייענען מיר:

„גלייך נאָך דעם ווי די ברייטע פאָלקסמאַסן האָבן זיך ערוואַכט צו אַ קולטורעלן און געזעלשאַפטלעכן לעבן, ווי די ברייטע שיכטן פון יידישן פאָלק האָבן זיך אויפגעכאַפּט פון לאַנגן און פינצטערן שלאָף און אַרויס אויפן וועג פון פּראָגרעס און אַנטוויקלונג, האָט זיך אָנגעהויבן פילן אַ באַ־

דערפעניש אין אַ יידיש בוך און אַ יידישער צייטונג, מיט וועלכע דער יידישער פֿאָלקסמענטש וואָלט געקאָנט באַלויכטן דעם פאַרפלאָנטערטן געזעל־שאַפטלעכן וועג, וואָס רינגלט אים אַרום".

די געבלימלטע מליצה־שפּראַך, די געפליגלטע ווערטער, באַווייזן אַמבולטסטן דעם צוגאַנג פון דער נייער יידישער אינטעליגענץ צו דער נייער אויפגאַבע, וועלכע שטייט פאַר איר. עס שמעקט אַרויס דאָס „גיין אין פאָלק", אַריבערגעטראָגן מיט נישט זיכערע הענט אויפן יידישן באָדן, ווי ווייט די דאָזיקע שטימונג האָט באַהערשט די יידישע שטודירנדיקע יוגנט, איז גענוג איבערצולייענען דאָס ליד פון א. מ. היעלינסקי, געדרוקט אין נומער 23 „יידישער סטודענט" אין 1913 :

גענוג, איך פאַרלאָז איצט מיין איינזאַמען חדר,
דאָס פאָלק דאַרף מיין הילף, און כ'טו וואָס איך קען,
עס זאָל נאָר נישט קוקן אין האַרצן דער ברען
און ערלעך זאָל פלאַקערן ווידער.

גענוג, איך פאַרלאָז איצט מיין איינזאַמען חדר,
מיין גליק און דאָס גליק פון איין אוראַלטן שטאַם. אא"וו.

בסך־הכל זענען דערשינען דריי העפטן פון „יידישן סטודענט". דער זשורנאַל איז רעדאַגירט געוואָרן פון אינזשיניער י. ליפשיץ (היינט אין גענט) און י. פאַדרוזשניק (היינט אין לאָנדאָן). צווישן די מיטאַרבעטער געפינען מיר: י. קרעפליאַק, א. גראָדזינסקי, דאָברושין, ח. שאָשקעס, ח. שעפס (י. אלמי), לייב ניידוס און אַנדערע.

להיפוך דעם „יידישן סטודענט", איז פאַרן „מערב" קיין באַזונדערע מיסיע נישט געשטאַנען. די צייטונג, ווי זי שרייבט אין ערשטן נומער פון 21סטן יאַנואַר 1913, וויל ווערן „אַ שפיגל פון אונדזער געזעלשאַפטלעכן לעבן אין אַלע זיינע איינצלהייטן". סך־הכל זענען דערשינען 6 נומערן „מערב", רעדאַגירט פון י. קרעפליאַק, י. יאַוואָראָווסקי און י. פאַדרוזשניק.

מיטן אויסברוך פון דער וועלט־מלחמה שטעלט זיך אָפּ די אויפלעבונג פון דער יידישער פרעסע. אַ טייל פון אַנטווערפּנער יישוב וואַנדערט אויס קיין האָלאַנד, ווו אין 1917טן יאָר דערשיינט דער „ביולעטין פון קרן־קימת־לישראל און פון דער ציוניסטישער פעדעראַציע אויס בעלגיען". די צייטונג

טראָגט אַ ריין אינפאָרמאַטיוון כאַראַקטער און פאַרעפנטלעכט די מנדבים פון די ציוניסטישע פאָנדן. אין 1918טן יאָר דערשיינט, אונטער דער רעדאַקציע פון ל. קובאָוויצקי, ד״ר קאַצענעלענבויגן און וואַן דער האָרסט, דער זשורנאַל „קדימה״, צו ערשט נאָר אין פראַנצויזיש, שפּעטער מיט אַ יידישער ביילאַגע.

די באַפרייונגס־כוואַליע פון יאָר 1918 שפּיגלט זיך אָפּ אויף די שפּאַלטן פון דער „קדימה״. די געזעלשאַפטלעכע אויפלעבונג פון יידישן יישוב אין בעלגיע הייבט זיך פון דאָס ניי אָן אין מיטן אָנקום פון דער נאָך־מלחמהדיקער איינוואַנדערונג און צעצווייגט זיך פון יאָר צו יאָר. עס הייבן אָן טעטיק ווערן די פּאָליטישע גרופּירונגען, די קולטור־פאַראיינען, די פאָלקס־הייזער און צוזאַמען מיט זיי מערן זיך די פאַרשידענע צייטונגען און זשורנאַלן, וועלכע טראָגן אויף זיך דעם שטעמפּל פון גאַנצן געזעלשאַפטלעכן פּאַרנעם פון יישוב. אין 1930 הייבט אָן צו דערשיינען אַ טעגלעכע צייטונג „דער בעלגישער טאָג״, אונטער דער רעדאַקציע פון יום־טוב לעווינסקי (היינט אין ישראל). קיין אריכת ימים האָט אָבער די צייטונג נישט געהאַט. אַ פּרווו פון אַ טעגלעכער צייטונג ווערט שפּעטער געמאַכט אין די יאָרן 1931, 1932, 1935, אָבער אָן קיין גרויסן דערפאָלג. „אונדזער טאָגבלאַט״, וואָס האָט אָנגעהויבן צו דערשיינען אין 1935 האָט אויסגעהאַלטן אומגעפער אַנדער־האַלבן יאָר.

פאַר די לעצטע 25 יאָר, פון 1913 ביז 1938, האָבן מיר אָנגעזאַמלט 93 נומערן יידישע פּרעסע אין בעלגיע. מיר גלייבן נישט צו האָבן דעם פולן קאָמפּלעט פון אַלע צייטונגען, וועלכע זענען דאָ דערשינען, אָבער מיר שאַצן אָפּ די פעלנדיקע אויף אָן ערך 3—5 עקזעמפּליאַרן. ליידער דערמעגלעכט אָבער נישט די ראַם פון דעם אַרטיקל אויסצורעכענען דאָ די 93 נומערן, וועלכע מיר פאַרמאָגן. מיר וועלן זיך, דעריבער, באַגנוגענען מיט אויפשטעלן עטלעכע טאַבעלן, וועלכע וואַרפן אַ בולטן שיין אויף דעם אַנטוויקלונגס־גאַנג פון דער יידישער פּרעסע ביז „אונזער יישוב״.

קודם כל, וואָס אַנבאַלאַנגט דער שפּראַך:

יאָר	צאַל	יידיש	פראַנצויזיש	פלעמיש	העברעיש	געמישטע	רוסיש
1913	2	2					
1917	1	1					
1918	1		1				
1922	2	1		1			
1925	3	2	1				
1926	2				1	1	
1928	4	3				1	
1929	3	1	1			1	
1930	4	3	1				
1931	10	9					1
1932	8	6	1			1	
1933	9	6	2			1	
1934	4	3	1				
1935	10	9	1				
1936	14	11	1	1		1	
1937	11	8		2		1	
1938	5	3	2				
סך־הכל	93	68	12	4	1	7	1

מיר באַמערקן פון פאָרויס, אַז אין דער רשימה פון די 93 אויסגאַבעס גייען אַריין צייטונגען, וועלכע זענען דערשינען טעגלעך, וועכנטלעך אָדער אַפילו פעריאָדיש. אַלץ וואָס טראָגט אַ צילבאַוווסטן כאַראַקטער און איז געווידמעט דעם יידישן קיבוץ אין בעלגיע. ווי מיר זעען, זענען 68 צייטונגען פון 93 דערשינען אין יידיש, דאָס מאַכט אויס, אומגעפער, 73 פראָצענט.

אויב מיר ווילן פאַרטיילן די 93 עקזעמפּליאַרן לויט זייער געזעלשאַפט־לעכן כאַראַקטער און שאַטירונגען קריגן מיר אַזאַ בילד:

פּאָליטישע אָרגאַנען	36
אינפאָרמאַטיווע	19
רעליגיעזע	4
פראָפעסיאָנעלע	8
קולטור און שול	11
ספּאָרט	3
פאַרשידענע	12

דעם אויבנאָן פאַרנעמען די פּאָליטישע צייטונגען. עס איז כמעט נישטאָ קיין איין איינציקע פּאַרטיי אויף דער יידישער גאַס, וועלכע זאָל נישט האָבן אַרויסגעלאָזט, לכל הפחות, איין צייטונג אין בעלגיע.

דערנאָך קומען די אינפאָרמאַטיווע צייטונגען, מערסטנטייל וועכנטלעכע, און אַפילו טעגלעכע. אָרגאַנען פאַר קולטור־און שול־פראַגן, וועלכע גיבן זיך אָפּ מיט ענינים פון ליטעראַטור, טעאַטער, פאַרנעמען דעם דריטן אָרט אין דער ריי.

די פּראָפעסיאָנעלע צייטונגען פון אונדזער יישוב, מערסטנטייל צייטונגען געווידמעט די האַנטווערקער, שניידער און מאַראָקינערי־אַרבעטער און מאַרק־הענדלער, פאַרנעמען דעם לעצטן אָרט. צווישן די צייטונגען, וועלכע באַהאַנדלען רעליגיעזע ענינים, פאַררעכענען מיר אויך דעם „שופר”, אָרגאַן פון דער רעפאָרמירטער קירכע אין בעלגיע. אַפילו הומאָריסטישע צייטונגען האָבן מיר פאַרמאָגט 2: דער „קראָקאָדיל” און דער „בעלגישער לץ”.

כאַראַקטעריסטיש איז אויך די פרעסע לויט דעם דערשיינונגס־פאַרמעסט.

טעגלעך זענען דערשינען	4 צייטונגען
וועכנטלעך	23
צוויי־וועכנטלעך	5
חודשלעך	22
איינמאָליק	13
פּעריאָדיש	26

דעם ערשטן אָרט פאַרנעמען די פּעריאָדישע און איינמאָליקע צייטונגען, מערסטנטייל אַרויסגעגעבן פון פאַרשידענע ריכטונגען צוליב אַ באַזונדערער געשעעניש, למשל, ציוניסטישער קאָנגרעס, 1טער מאַי, קאַמף קעגן אַנטיסעמיטיזם. די וועכנטלעכע צייטונג, מערסטנטייל אַן אינפאָרמאַטיווע, פאַרנעמט דעם 2טן אָרט. די צוויי־וועכנטלעכע און חודשלעכע זענען אין זיך כולל די צייטונגען פון אַ פּאָליטישער און קולטור־געזעלשאַפטלעכער באַפאַרבונג.

אויב מיר ווייסן די געבורט־דאַטע פון די פאַרשידענע אָרגאַנען, איז, ליידער, אונדז אוממעגלעך געווען צו דערגיין די דאַטע פון סוף. ביי אונדזער

שלעכטער געזעלשאַפטלעכער אָרגאַניזירונג איז כמעט ווי נישט בנמצא אַ פולער קאָמפּלעקט פון די פאַרשידענע פרעסע־אָרגאַנען, וועלכע זענען דאָ דערשינען. מיר קאָנען רויק זאָגן, אַז אויב די אַלע צייטונגען האָבן געהאַט אַ שווערן לעבן, האָבן זיי אָבער געהאַט אַ לייכטן טויט. היינט צו טאָג פאַרמאָגן מיר נישט אַזאַ שלל פון יידישער פרעסע אין בעלגיע ווי פריער.

אינזש. ד. טראָצקי

„אונזער ישוב", נומ' 53,
12טער אַפּריל 1940.

אינהאַלט

משה ערעם — אַ תיקון נשמה פאַר דוד טראַצקי 7
ביאָגראַפיע פון דאָדע טראַצקי 9
פּאָלינאַ — אונדזער לעצטער וועג 14
שפרה ווערבער — די קינדער־יאָרן פון מיין ברודער . . . 16
יהודה טיבערג — דאָדע טראַצקי 23
אַבוש ווערבער — צו דאָדעס צוואַנציקסטער יאָרצייט . . . 28
מרים כץ־לונסקי — מיין חבר, מיין ברודער 35
ד״ר ברוך מייזעל — דוד טראַצקי אין אוישוויץ, מאַוטהאַוזען
און עבענזע 38
פּ. בלאַנק — דאָדע טראַצקי — צו זיין צווייטער יאָרצייט . . . 41
אַנשטאָט אַ קדיש („אונזער וואָרט״, פּאַטאַקאָפּיע) 48
אויסצייכענונגען פאַר דער טעטיקייט אין דער אונטערגרונט־באַוועגונג 49
דאָס לעבנסווערק פון ד. טראַצקי אַריין אין ייוואָ
(„ידיעות פון ייוואָ״, פּאַטאַקאָפּיע) 52
די טראַצקי־זאַמלונג פון בעלגיע געוואָרן קאַטאַלאָגירט
(„ייוואָ־בלעטער״, פּאַטאַקאָפּיע) 53
שפרה ווערבער — צוואַנציק פרילינגען 54

אַרטיקלען פון דוד טראַצקי

די פלעמישע באַוועגונג 59
די עקזיסטירנדיקע סינדיקאַטן און די אויסלענדישע אַרבעטער . . 64
די פּ.אָ.ב. און דער ראַטנפאַרבאַנד 67
פון נאָענטן עבר 69
מיר דאַרפן אָנהייבן פון דאָס ניי 73
וויסן איז מאַכט 75
דער גרויסער אומבאַקאַנטער 77
פון „התקוה״ ביז „אונזער ישוב״ 80